# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

דברים - תשעה באב

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבען

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**
2025 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## דברים - תשעה באב


כי לישועתך קוינו - די גאולה וועט קומען אין זכות פון אמונה ........................ ד

אכן אתה אל מסתתר - די בוכ"ע היט אונז און וועט אונז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן ............ יב

תולה ארץ על בלימה - די הייליגע מדה פון נישט ענטפערן בשעת אַ בזיון ............ טז

רב לך שבת - די גרויסע קדושה פון 'שבת חזון' ........................ כ

על אלה אני בוכי' - וויינען און קלאגן אויף חורבן הבית און גלות ישראל ............ כד

בכה תבכה - מתפלל זיין און בעטן אויף בנין בית המקדש בב"א ............ כז


**ספה"ק בת עין**

... **כִּי בְּוַדַּאי בְּכָל צָרָה הַטּוֹב וְהַחֶסֶד גָּנוּז בְּהֶסְתֵּר בְּתוֹכוֹ** ווייל אין יעדע צרה איז זיכער באהאלטען אינדעם גוטס און חסד, **רַק שֶׁהַקְּלִיפָּה הַחִיצוֹנָה מַסְתִּירָה** נאר די דרויסענדיגע שאלעכץ באהאלט עס ... **הַקְּלִיפָּה וּמוֹץ שֶׁעַל הַחֶסֶד צְרִיכִים לְהָסִירָהּ עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה וְלֵב נִשְׁבָּר וְצוֹם** דארף מען אפטאהן די שאלעכץ וואס איז איבער די חסד, דורך תשובה און א צובראכען הארץ און פאסטן פארן באשעפער. **וּמְהַפְּכִים מוֹץ לְצוֹם** און דורך תשובה דרייט מען איבער די צירוף פון די אותיות 'מוץ' (ד"ה די שאלעכץ) צו 'צום' (ד"מ אז די 'מוץ' וואס איז די דין ווערט איבערגעדרייט צו חסד דורך די 'צום'), **וְעַל יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה וְנִתְהַפֵּךְ מִן צָרָה לְרָצָה** און דורכדעם ווערט איבערגעדרייט פון צרה צו רצה (ווילען), **וּמְהַפְּכִים חֲשׁוֹכָא לִנְהוֹרָא** און מען דרייט איבער פון טונקעל צו לעכטיגקייט.

**וְגַם הַכָּתוּב מְרַמֵּז לָזֶה בְּעִנְיַן הַצּוֹם** אויך די פסוק איז מרמז אויף די חסד וואס ליגט אין די ענין פון די תעניתים, **דִּכְתִיב 'צוֹם הָרְבִיעִי וְצוֹם הַחֲמִישִׁי צוֹם הַשְּׁבִיעִי וְצוֹם הָעֲשִׂירִי' וְגוֹ'** אזוי ווי אונז זעהן רעכנט די נביא זכריה אויס אלע 4 תעניתים לויט די חדשים וואס אין זיי קומט עס אויס, **וּמִסְפַּר כּוּלָּם גִּימַטְרִיָּא כ"ו** און ווען אונז רעכנען צוזאם די צאהל פון די חדשים איז עס בגמטריא 26, **כְּשֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא שֶׁהוּא רַחֲמִים** אזוי ווי די גימ' פון די שם הוי"ה, די שם פון רחמים. **כִּי בְּוַדַּאי הַחֶסֶד גָּנוּז בְּתוֹכָם** ווייל זיכער ליגט די חסד השם באהאלטען אין זיי, **רַק שֶׁהַיִּשְׂרָאֵל צְרִיכִים לְהוֹצִיאָם מִשָּׁם כַּנַּ"ל** נאר ווי אויבענדערמאנט דארפן די יודען ארויסנעמען די חסד השם פון זיי, **וּלְהַפֵּךְ מִצּוֹם לְקוֹל** און צו איבערדרייען פון די צירוף 'צום' צו די צירוף 'קול' (רמז צו תפילה), **כִּי מִסְפָּרָם שָׁוֶה 'צוֹם – קוֹל'** ווייל די גימטריא פון צום - קול זענען גלייך.

... **וְעַל אֵלּוּ הַדְּבָרִים דִּבֵּר מֹשֶׁה עִם יִשְׂרָאֵל** און וועגן די זאכען האט מרע"ה גערעדט צו די אידען, **וְלִמֵּד אוֹתָם שֶׁיַּהַפְכוּ אֶת כָּל הַנַּ"ל לְרַחֲמִים** און ער האט זיי אויסגעלערנט, אלעס צו איבערדרייען אויף רחמים, **כְּשֶׁבָּא חַ"ו מָרָה אוֹ צָרָה** ווען עס קומט ח"ו א 'מרה' אדער 'צרה', **יֵדְעוּ שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ חֶסֶד וְרַחֲמִים נֶעְלָם וְגָנוּז בְּתוֹכָהּ** זאל מען וויסען אז זיכער איז דא באהאלטען אין דעם חסד ורחמים, **רַק שֶׁהָעֲווֹנוֹת מַסְתִּירִים אוֹתוֹ כְּמוֹץ לִתְבוּאָה** נאר די זינד באהאלטען די חסדים, אזוי ווי די שטרוי באהאלט אין זיך תבואה. **עַל כֵּן יַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה** וועגן דעם זאלען זיי תשובה טאהן מיט א צובראכען און אונטערטעניג הארץ, **וַיִּקְרְאוּ צוֹם** און זיי זאלען פאסטען, **וְיַהֲפוֹךְ 'מוֹץ' לְ'צוֹם'** און אזוי וועט מען איבערקערן פון 'מוץ' צו 'צום', **וַה' בְּרַחֲמָיו יַעֲנֶה אוֹתָם** און השי"ת מיט זיין רחמנות וועט זיי ענטפערן, **וְיַהֲפוֹךְ גַּם כֵּן מִצָּרָה לְרָצָה** און וועט אויך איבערקערן די צירוף פון 'צרה' צו 'רצה', **וּמִמָּרָה לְרָמָה** און פון די ווארט 'מרה' צו 'רמה', **וּמִצּוֹם לְקוֹל** און פון די צירוף 'צום' וועט ווערן 'קול', [מרמז צו זיין] קול מְבַשֵּׂר מְבַשֵּׂר וְאוֹמֵר יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת א קול וואס זאגט אונז פאר בשורה פון ישועות ונחמות, **בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.** (פרשת דברים, ד"ה אלה הדברים)


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# דברים - תשעה באב

**כי לישועתך קיוינו - די גאולה וועט קומען אין זכות פון אמונה**

די גמרא זאָגט (שבת קיט:) אַז די הייליגע שטאָט ירושלים איז חרוב געוואָרן ווען עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די 'אנשי אמנה' - מענטשן מיט אמונה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ירמיה ה, א) 'שוטטו בחוצות ירושלים, וראו נא ודעו ובקשו ברחובותיה אם תמצאו איש עושה משפט מבקש אמונה, ואסלח לה'.

קומט אויס פון חז"ל, אַז דער חסרון פון אמונה האָט גורם געווען דעם חורבן הבית און חורבן ירושלים. ממילא, איז זיכער אַז דאָס זיך שטאַרקן מיט אמונה, וועט זיין אַ סיבה צו דערנענטערן דעם אויפבוי פון בית מקדשינו ותפארתינו, מיט די גאולה שלימה במהרה בימינו.

אַזוי זאָגן חז"ל (תנחומא בשלח, י) אַז אידישע קינדער וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות אַלס שכר פאַר זייער אמונה, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שה"ש ד, ח) 'אתי מלבנון כלה, אתי מלבנון תבואו, תשורי מראש אמנה' וגו'. אַזוי זאָגט אויך דער נביא (ישעיה ב, כב) 'וארשתיך לי באמונה' - דער אויבערשטער וועט צוריק מאַכן זיינע 'אירוסין' די אידן (זיי אויסצולייזן פון גלות) ווען זיי וועלן האָבן אמונה[א].

---

**א.** איינע פון די הויפט יסודות פון אמונה איז תמימות, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יח, יג) **'תמים תהיה עם ה' אלוקיך'**, און אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו אברהם אבינו ע"ה, דער ראש המאמינים (בראשית יז, א), **'התהלך לפני והיה תמים'**. טייטשט הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע, אין זיין ספר 'דרך פקודיך' (מ"ע ב', מילה), אברהם אבינו האָט זיך מתבונן געווען אין דעם ענין פון אמונה, ביז ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס ער פירט די וועלט, און דער 'בעל הבירה' האָט זיך באַוויזן צו איהם און איהם געזאָגט, 'התהלך לפני והיה תמים', לאָז אָפּ אַלע 'חקירות', און הער-אויף צו זוכן טעמים פאַר די מצוות. דו דאַרפסט מקיים זיין מיינע מצוות און געזעצן ווייל אַזוי האָט דער קעניג באַפוילן.

דער אויבערשטער האט געוואלט ווייזן אויף פאַר זיינע קינדער נאָך איהם, **אַז דער מענטש קען נישט צוקומען צום תכלית פון די טעמים פון די מצוות פון דעם אויבערשטען ברוך הוא**, און דאָס איז דער גאַנצער מענטש, 'לשמור ולעשות ולקיים'. האָט דער אויבערשטער איהם געזאָגט, 'התהלך לפני והיה תמים' - דו דאַרפסט מקיים זיין די מצוות אַזוי ווי דער באַשעפער האָט דיך באַפוילן, און די הצלחה פון דיין נפש רוח ונשמה ווענדעט זיך אין דעם אַז דו זאָלסט נישט קוקן אויף די חקירה מיט דיין שכל וואָס איז באַגרעניצט מיט'ן חומר, ווייל דער אויבערשטער ווייסט וואָס עס איז גוט פאַר אונז און פאַר אונזערע נשמות.

אין דעם כלל איז, אַז דער מענטש דאַרף זיין אַ 'תמים', און נישט פרובירן צו זיין אַן 'אויבער חכם'... זיך איבערצוקליגן און זאָגן אַז וויבאַלד ביי מיר איז נישט שייך דער טעם פון די מצוה (לויט ווי עס דאַכט זיך איהם לויט זיין 'ברייטן פאַרשטאַנד'...) מעג איך זיך אָוועקרוקן רעכטס, אָדער לינקס...

די פאָלגענדע מורא'דיגע מעשה, האָבן מיר געהערט פון דעם בעל העובדא, הרב אברהם אבולעפיא שליט"א, וועלכער וואוינט אין אַריזאָנאַ, איינע פון די שטאַטן אין אַמעריקע. פרשת חוקת תשפ"ד, האָט ער געדאַרפט פאָרן קיין טאָראָנטאָ, כדי צו ערלעדיגן אַ גט. בהשגחה פרטית, האָט זיין רייזע-אַגענט געפונען פאַר איהם דעם לעצטן אָרט אויף אַן עראָפּלאַן קיין טאָראָנטאָ. אַרויפקומענדיג אויפ'ן עראָפּלאַן, האָט ער געזעהן אַז נעבן איהם זיצט אַ שוואַרצער גוי, אַ מגושמ'דיגע פאַרשוין, גרויס און ברייט. בלית ברירה, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט נעבן יענעם חברה-מאַן. וועלנדיג 'באַרואיגן' זיין גוי'שן 'שכן', וועלכער האָט אויסגעזעהן מאוימ'דיג, האט ער פרובירט פאַרפירן מיט איהם אַ שמועס, זאָגנדיג, מיין נאָמען איז 'אבולעפיא', ווי אַזוי הייסטו? האָט דער גוי געזאָגט 'אהה'... האָט הרב אבולעפיא פאַרשטאַנען אַז דער גוי וויל איהם פשוט 'שטיל מאַכן', ווי איינער זאָגט, שאַ... שאַ... האָט ער מער נישט גערעדט מיט איהם.

וועלנדיג מקיים זיין די מצוה פון 'ובלכתך בדרך', האָט הרב אבולעפיא געעפענט א ספר, און מעיין געווען אויף די פרשה פון דער וואָך - פרשת חוקת. אַריינקוקנדיג אינעם ספר, האָט הרב אבולעפיא באַמערקט אַז דער גוי וווייזט אַרויס אַן אינטערעס אין דעם ספר וואָס ער האַלט אין האַנט, ער האָט נישט אויפגעהערט צו כאַפּן אַ בליק אינעם ספר... שפּעטער האָט דער גוי געטייטעלט אויף די צוויי ווערטער '**חוקת התורה**', און געפרעגט דעם רב, זאָג מיר, וואָס באַדייטן די צוויי ווערטער? דער רב האָט פאַרשטאַנען אַז דער גוי קען נישט לשון הקודש, האָט ער איהם געזאָגט: דאָס איז אַ ספר וואָס די אידן נוצן, און די שפּראַך איז לשון קודש. דער גוי האָט זיך אָבער גע'עקשנ'ט צו וויסן דווקא דעם באדייט פון די צוויי ווערטער: '**חוקת התורה**'... האָט הרב אבולעפיא איהם געזאָגט, אַז דאָ שטייען די צוויי ווערטער '**חוקת התורה**', און ער האָט איהם אויסגעלערנט ווי אַזוי מ'זאָגט אַרויס די צוויי ווערטער.

אַזוי רעדנדיג, האָט דער גוי אויפגעהויבן די ערמל פון זיין העמד און איהם געוויזן אַז אויף זיין האַנט זענען אַריינגעקריצט די דאָזיגע צוויי ווערטער: '**חקת התורה**'... האָט דער רב זיך זייער געוואונדערט דערויף, און איהם געפרעגט דעם באַדייט דערפון, וואָס האָסטו מיט '**חקת התורה**'?! האָט דער גוי איהם געענטפערט: באַלד ווען איך בין געבוירן געוואָרן, האָט מיין טאַטע אייגעקריצט אין מיין האַנט די צוויי אידישע ווערטער, זאָגנדיג אַז ער האָט געלערנט זייענדיג אין דעם ווייטן לאַנד כינע, אַז ווען מ'קריצט איין די ווערטער אויף דעם קערפּער פון אַ ניי-געבוירן קינד, זענען באַהאַלטן דערין וואונדערליכע סודות און סגולות פאַר'ן קינד אויפ'ן גאַנצן לעבן...

דער רב האָט פאַרשטאַנען אַז 'יש דברים בגו'. האָט ער געזאָגט צו דעם גוי, אַז זיינע ווערטער לייגן זיך עפּעס נישט אויפ'ן שכל, און ער האָט פּרובירט פאַרשטיין דעם באַדייט דערפון. אָבער אויך דער גוי האָט איהם געזאָגט, אַז ער זוכט שוין פערציג יאָר צייט צו דערגיין דעם באַדייט פון דער דאָזיגער איינקריצונג אין זיין האַנט. ער האָט שוין 'איבערגעדרייט אַ וועלט', אָבער ער האָט נישט געקענט דערגיין דעם באַדייט דערפון. עס איז איהם בכלל נישט איינגעפאַלן אַז דאָס זענען 'אותיות', נאָר ער האָט געמיינט אַז דאָס זענען געוויסע צורות. יעצט זעהט ער אָבער, אַז דאָס זענען אותיות פון אַ געוויסע שפּראַך. דער רב האָט איינגעזעהן אַז דער גוי האָט טאַקע נישט דעם מינדעסטן באַגריף וואָס עס מיינט, מער ווי דאָס וואָס ער האָט איהם געזאָגט.

צום סוף האָט אָבער דער גוי איהם געזאָגט: מיין טאַטע לעבט נאָך, דו קענסט זיך פאַרבינדן מיט איהם, און איהם אויספרעגן איבער דעם ענין. האָט דער רב גענומען פון איהם זיין טאַטן'ס טעלעפאָן-נומער, און באַלד נאָכ'ן אַראָפּשטייגן פונעם עראָפּלאַן, האָט ער טעלעפאָנירט צום טאַטן פון דעם גוי, און רעדנדיג מיט איהם אויף ענגליש, האָט ער איהם קודם-כל איבערגעגעבן אַ 'גרוס' פון זיין זון, און געזאָגט, איך בין געזעסן נעבן איהם אויפ'ן עראָפּלאַן, און איך האָב אַביסל פאַרברענגט מיט איהם. דאַן האָט ער איהם געפרעגט, איך האָב געזעהן אויף דיין זון'ס האַנט אויסגעקריצט צוויי ווערטער פון אונזער הייליגע תורה, '**חקת התורה**', אפשר ווילסטו אַזוי גוט זיין און מיר דערציילן וואָס עס שטעקט הינטער דעם... האָט דער גוי איהם געענטפערט, אַז ער האָט דאָס געלערנט ביי די כינעזער, אַז אויב מ'קריצט אויס די ווערטער אויף אַ ניי-געבוירענעם קינד, איז דאָ אין דעם וואונדערליכע סודות און סגולות פאַר'ן קינד אויפ'ן גאַנצן לעבן.

דער רב האָט אָבער פאַרשטאַנען אַז ער זאָגט איהם נישט דעם אמת, און ער האָט זיך שטאַרק איינגעבעטן ער זאָל איהם זאָגן דעם אמת... דער חברה-מאַן האָט פּרובירט זיך אַרויסצודרייען, אָבער צום סוף האָט הרב אבולעפיא באַוויזן מיט זיין חכמה אַרויסצובאַקומען פון איהם דעם אמת. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין אויפ'ן טעלעפאָן, און דערציילט אַז ער איז אַ געוועזענער תלמיד פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק. ער האָט דאָרט געלערנט אַלס בחור, און איז געווען שטאַרק אדוק אין זיין רבי'ן, דעם ראש הישיבה הגאון רבי אלעזר מנחם מן שך זצ"ל. ער האָט געלערנט בהתמדה אַלס בחור אין ישיבה, און אויך אין כולל נאָך די חתונה. מיט דער צייט, אָבער, האָט דער עול פון פרנסה אָנגעהויבן צו דריקן אויף איהם, און פונקט דאַן האָט מען איהם אָנגעבאָטן אַרבעט אין אַן אָפיס, אויף עטליכע שעה אַ טאָג, אַזוי אַז ער וועט קענען בלייבן ווייטער לערנען די אַנדערע שעה'ן פון טאָג.

איז ער אַריינגעאַנגען פרעגן זיין רבי'ן, הרב שך זצ"ל, צי ער זאָל אָננעמען די הצעה. הרב שך האָט אַריינגעטראַכט אין דער זאַך פון אַלע צדדים, און ער האָט איהם גע'עצה'ט אָנצונעמען יענעם פּאָסטן. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען פאַר אַ שטיק צייט. דעם גרעסטן טייל פון טאָג האָט ער געלערנט, און עטליכע שעה האָט ער געאַרבעט אין יענעם אָפיס אַליין, און דער עול פון פרנסה איז אים פיל לייכטער געוואָרן.

אַ צייט שפּעטער, האָט די פאַרוואַלטונג אַריינגעברענגט אַ שוואַרצע גוי'טע צו רייניגן דאָס אָרט. זי פלעגט קומען רייניגן אין די שעה'ן ווען ער האָט דאָרט געאַרבעט. איז ער געגאַנגען פרעגן זיין רבי'ן, הרב שך, אויב ער מעג

דאָרט אַרבעטן ווייטער. האָט הרב שך געזאָגט אַז ער טאָר נישט פאַרזעצן צו אַרבעטן דאָרט, אַפילו איין טאָג, ווייל ס'איז דאָ דערביי אַן איסור פון 'יחוד'. האָט ער אָנגעהויבן זיך בעטן ביים ראש ישיבה, וואָס וועט זיין מיט זיין פרנסה? דער גאַנצער 'שלום בית' וועט חלילה גיין צוגרונד... האָט הרב שך אַרויסגענומען אַ שולחן ערוך חלק אבן העזר, און איהם געוויזן ווי עס שטייט דאָרט אין סימן כ"ב, אַ קלאָרער פסק דין אַז מ'טאָר זיך נישט מייחד זיין מיט אַ פרעמדע פרוי - אויך מיט אַ גוי'טע. ער האָט זיך אָבער געבעטן ביים ראש ישיבה: אָבער רבי, וואָס האָב איך דען מיט אַ שוואַרצע גוי'טע... איך האָב דאָך נישט מיט איר קיין קירוב הדעת... האָט הרב שך איהם געענטפערט: מאַך נישט קיין חכמות... **זאת חקת התורה, זאת חקת התורה, אַז די תורה לאָזט נישט, טאָר מען נישט...** ווי איינער זאָגט, עס האָט נישט קיין זינען צו מאַכן 'פשט'לעך' און זאָגן, פאַרוואָס האָט די תורה עס גע'אסר'ט, און דאַן צו זאָגן אַז 'איך האָב נישט קיין שייכות מיט דעם טעם', נאָר יעדע זאַך וואָס די תורה האָט גע'אסר'ט, און אויך דאָס וואָס חז"ל האָבן גע'אסר'ט, איז אסור בתכלית, אָן 'טעמים' און 'היתרים'.

צום סוף, איז ער ליידער נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון. ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן וועגן עס האָט זיך געהאַנדלט אין פרנסה, און ער איז געבליבן אַרבעטן אין יענעם אָפיס. דער סוף איז ליידער געווען, אַז ער האָט געגעבן פאַר זיין פרוי אַ גט, און איבערלאָזט זיין שטוב און זיינע יונגע קינדער, און ליידער חתונה געהאַט מיט יענע גוי'טע רח"ל. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט איר אין איר לאַנד, און במשך פון דער גאַנצער צייט, איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן דאָס בילד ווי זיין רבי, הרב שך, וואָרנט איהם מיט שטרענגע רייד: **מאַך נישט קיין 'חכמות', זאת חקת התורה, זאת חקת התורה. אַז די תורה לאָזט נישט, טאָר מען נישט...** די דאָזיגע מחזה האָט איהם נישט אָפגעלאָזט. עס האָט איהם ממש נאָכגעיאָגט טאָג און נאַכט.

ווען עס איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ יונגל, האָט ער איהם אַ נאָמען געגעבן **'שך'**, אויפ'ן נאָמען פון זיין רבי'ן דעם פּאָניעוועזשער ראש ישיבה ז"ל (צוליב דעם, ווען דער גוי האָט געזאָגט פאַר הרב אבולעפיא אַז ער הייסט 'שך', האָט הרב אַבולעפיא געמיינט אַז ער מיינט צו זאָגן 'שאַ'... כדי איהם שטיל צו מאַכן, ווייל די גוים קענען דאָך נישט אַרויסזאָגן דעם אות כ'), **און ער האָט** אויך אויסגעקריצט אויף דער האַנט פון זיין יונגעלע די ווערטער **'חקת התורה'**, כדי צו געדענקען די הוראה פון זיין רבי'ן, און צו געדענקען ווי ער איז אַריינגעפאַלן אין שאול תחתיות רח"ל, ווייל ער איז געווען אַן 'אויבער חכם', און געוואָלט זיך איבערקליגן קעגן די תורה, מיט די איינרעדעניש אַז דער טעם פונעם איסור איז נישט שייך ביי איהם, און יעצט, זעהט ער ווי ווייט ער איז ליידער פאַרקראָכן. מיט איין דורכפאַל, האָט ער געמאַכט אויף זיך אַ 'סתימת הגולל' לדורות עולם. ער איז פאַרוואָרפן אין יענעם עק וועלט, צובראָכן אויף 'שברי שברים' רח"ל, ווייל ער האָט נישט געפאָלגט די שטרענגע הוראה פונעם ראש ישיבה, זאָפאָרט אויפצוהערן אַרבעטן דאָרט, צוליב דעם איסור 'יחוד'. (דער באַשעפער זאָל זיך דערבאַרימען אויף זיין באַטריבטע נשמה, און ער זאָל בקרוב צוריקקומען צו אידישקייט, עס זאָל מקוים ווערן ביי איהם 'אם יהיה נדחך בקצה השמים, משם יקבצך ה' אלוקיך ומשם יקחך').

דאָס קען דינען אַלס אַ לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז. אַ מענטש זאָגט, **וואָס איז דען דער פּראָבלעם מיט אַזאַ 'כלי', אָדער וואָס קען שוין געשען אויב איך וועל גיין אויף יענעם מפוקפּק'דיגן אָרט, איך טוה דאָך סיי ווי פאַרמיאוס'ן יעדע שלעכטע זאַך וואָס געפינט זיך אין די כלי. איך נוץ דאָך עס נאָר פאַר דעם חלק וואָס איז יאָ גוט פאַר מיר** (וואָס די ווירקליכקייט ווייזט באמת, אַז ס'איז דאָרט בכלל נישט דאָ קיין 'גוטס'). **וואָס האָב איך מיט דעם גאַנצן** שלעכטן חלק... דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז 'אין עצה ואין תבונה נגד ה'', און **די ביטערע מציאות האָט שוין אויפגעוויזן טויזנטער פאַלן פון אַזעלכע 'חכמים' וואָס זענען ליידער אַראָפּגעפאַלן 'מאיגרא רמא לבירא עמיקתא', טיף אין שאול תחתיות רח"ל, און זיי זענען נאָך אַלץ פאַרזינקען דאָרט מיט אַלע זייערע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, ה' ירחם.**

מ'זעהט דאָך פון דעם פאַל מיט יענעם געוועזענעם כולל יונגערמאַן פון בני ברק, אַז מיט זיין 'חכמה' האָט ער עובר געווען אויף אַן איסור פון דער תורה, און איז צום סוף אַריינגעפאַלן אין טיפסטן אָפּגרונד, און ביז'ן היינטיגן טאָג האָט ער נישט קיין מנוחה. ער דערציילט, אַז אין אַלע צייטן איז פאַר איהם געשטאַנען די צורה פון זיין רבי'ן, הרב שך, ווי ער שרייט אויף איהם, 'זאת חוקת התורה... זאת חקת התורה'... איז דאָך שוין פיל בעסער צו זיין קלוג און לכתחילה זיך היטן, זיך צו האַלטן ביי די גדרים פון די קדושה.

דאָס איז גורם אַ חורבן פון דת תוה"ק ח"ו, ווען דער יצר הרע רעדט איין דעם מענטש צו זיין אַן 'אויבער-חכם' קעגן די תקנות פון די חכמי הדורות, מיט פאַרשידענע אויסריידן, ווי די ספרים ברענגען אַז די גאַנצע מציאות פון המן הרשע איז צושטאַנד געקומען דורך אייגענע 'סברות' וואָס שאול המלך ע"ה האָט אויסגערעכנט ביי די מלחמה

מיט אגג. ער האָט רחמנות געהאַט אויף אגג, ווייל ער האָט געמאַכט אַ 'קל וחומר', מה דאָך וועגן איין אידיש נפש זאָגט די תורה אַז מ'דאַרף ברענגען אַן 'עגלה ערופה' (אויב מ'האָט חלילה געטראָפן אַ מענטש טויט), איז דאָך די אַלע מענטשן (פון אגג) אַוודאי געוויס אַז איך דאַרף אויף זיי רחמנות האָבן (יומא כב:). צוליב דעם האָט שאול המלך זיך דערבאַרימט אויף אגג, און עס איז שפּעטער אַרויסגעקומען פון איהם המן הרשע (כאָטש ס'איז דאָך קלאָר און פּשוט, אַז מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגה אין די גרויסקייט פון שאול המלך ע"ה, אָבער אַ לימוד קען מען אַרויסלערנען פון די מעשה פון אגג). **דער** תיקון פאַר דעם איז **צו גיין מיט'ן קאָפּ אין וואַנט'**, אויך אויב מ'פאַרשטייט עס נישט, נאָר מ'דאַרף מקיים זיין די מצוות פון די תורה בתמימות, נישט זיך איבערצוקליגן, און דאָס איז דער אמת'ער עול מלכות שמים.

מיר האָבן געהערט פון אַ איד אַ צדיק, דער אליסקער רב ז"ל, אַז ער האָט געזעהן אין דעם 'פּנקס' פון די שטאָט ליסא, וואו עס האָט משמש געווען אויפ'ן כסא הרבנות דער גאון רבי יעקב זצ"ל, בעל 'חוות דעת' און 'נתיבות המשפּט', אַ מורא'דיגע מעשה וואָס איז פאָרגעקומען מיט זיין טאָכטער, וועלכע איז געווען אַן אלמנה ל"ע. ווען איר טאָכטער איז געווען אַ כלה פאַר די חתונה, איז די מאַמע מיט די טאָכטער געפאָרן מיט אַ גוי צו אַן אַנדערע שטאָט, איינקויפן קליידער און אַנדערע זאַכן פאַר די כלה. דער גוי האָט געוואוסט אַז זיי פאָרן קויפן זאַכן פאר די חתונה, האָט ער זיי געפירט צו זיך אַהיים, און ער האָט אַריבערגערופן זיינעם אַ חבר, און צוזאַמען האָבן זיי צוגערויבט דאָס געלט פון די אלמנה און איר טאָכטער. זיי האָבן צוגעבונדן די אומגליקליכע מאַמע און איר טאָכטער מיט שטריק, און אָנגעהייצט דעם אויוון כדי זיי דאָרט אַריינצוואַרפן און פאַרברענען רח"ל, אַז עס זאָל חלילה נישט בלייבן פון זיי אַ זכר.

אינצווישן האָבן די רוצחים אַראָפּגעלייגט דאָס בייטל מיט'ן געלט אויפ'ן טיש, און אָנגעהויבן פירן אַ 'משא ומתן', ווי אַזוי איינצוטיילן דאָס געלט צווישן ביידע מערדערישע שותפים. פּלוצלינג האָט זיך געעפנט די טיר, און ס'איז אַריינגעקומען אַ דייטשער אָפיציר. זענען די צוויי גוים אַנטלאָפן פון דאָרט, און דער אָפיציר האָט אויפגעבונדן די טאָכטער פונעם 'נתיבות' און איר טאָכטער די כלה, זיי צוריקגעגעבן זייער געלט, און זיי אָפּגעפירט צו אַן אכסניא אין שטאָט.

יענע נאַכט, איז דער 'נתיבות' געקומען צו זיין טאָכטער אין חלום, און איר געזאָגט: וויסן זאָלסטו, אַז ווען איך האָב אויסגעפונען פון אייער צרה, בין איך אַרויפגעגאַנגען צו גאָר אַ הויכן אָרט, און איך האָב פאַר אייך מתפלל געווען, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען צו פועל'ן אַז מ'זאָל ענק באַפרייען פון די סכנה, ווייל איר האָט עובר געווען אויף דעם איסור פון 'יחוד' מיט אַ גוי. בין איך אַרויפגעגאַנגען צו אַ העכערן אָרט, און איך האָב זיך ממש געבעטן ברחמים ובתחנונים, עס זאָל מיר בייש טיין דער זכות פון תורה וואָס איך האָב פאַרשפּרייט ביי כלל ישראל מיט מיינע חיבורים, ווי 'נתיבות המשפּט', און אַנדערע, און איך האָב באַוויזן צו פועל'ן ענקער באַפרייאונג. ממילא, זאָלט איר פון יעצט און ווייטער זיך שטאַרק היטן נישט עובר צו זיין אויף דעם איסור פון יחוד.

דאָס אַלעס האָט די טאָכטער פונעם 'נתיבות' דערציילט פאַר די פירער פון די קהילה אין ליסא, און זיי האָבן אַריינגעשריבן די מורא'דיגע מעשה אין דעם "פּנקס" פון דער קהילה, לזכרון עולם (געברענגט אין ספר 'לב אליהו', ע' רפד).

אין די דערמאנטע מעשה פון די אלמנה מיט איר טאָכטער, האָט זיך געהאַנדלט אין **אַן איסור דרבנן** (ווייל דער איסור פון 'יחוד' ביי צוויי פרויען מיט אַ גוי, איז נאָר 'מדרבנן'), און **נישט ווייניגער פון דעם איז אַלעס וואָס די הייליגע חכמים אין אַלע דורות האָבן גוזר געווען מיט אַן 'איסור גמור'.**

דער גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל האָט קלאָר גע'פּסק'ענט אַז **ס'איז דאָ אַן איסור זיך מתייחד צו זיין מיט די טמא'נע 'כלים'.** פּונקט אַזוי ווי דער 'נתיבות' האָט 'איבערגעדרייט וועלטן' צו ראַטעווען זיין טאָכטער און אייניקל פון טויט, דאַרפן מיר זעהן זיך צו היטן פון אַלעם בייזן, און זיך דערווייטערן אַפילו פון אַן איסור דרבנן. אַזוי וועלן מיר זוכה זיין צו אַ לאַנג גוט גליקליך לעבן, אמן.

הרה"ק בעל 'אמרי אמת' מ'גער זי"ע, האָט געזאָגט אַ כוונה אינעם פסוק (זכריה ב, ט) 'ואני אהי' לה **נאום ה'** חומת אש סביב'. לכאורה וואָלטן די ווערטער 'נאום ה'' געדאַרפט שטיין ביים אָנהייב פון פסוק, אָדער ביים סוף פונעם פסוק. פאַרוואָס איז עס געשטעלט געוואָרן אינמיטן פסוק?

האָט דער 'אמרי אמת' געזאָגט, די ווערטער 'חומת אש' גייען אויף די ווערטער 'נאום ה''. דאָס מיינט, די ווערטער פון דעם אויבערשטען - זיינע מצוות (נאום ה'), דאַרפן זיין אַ 'חומת אש סביב' פאַר יעדן איד, אַז ער זאָל זיך נישט אָוועקרירן דערפון, אַפילו אַ האָר...

כ"ק אדמו"ר מראַכמיסטריווקא זצ"ל פון אַמעריקע האָט דערציילט ('אמרות טהורות', פרשת בשלח): אַמאָל איז צו מיר אַריינגעקומען אַ פשוט'ער איד וועלכער איז געקומען אַ קורצע צייט פריער פון רוסלאַנד. דער איד האָט מיר געזאָגט, אַז אין משך פון דער גאַנצער צייט וואָס ער האָט געוואוינט אין רוסלאַנד, האָט ער און זיין משפחה אָפּגעהיטן תורה ומצוות, אויך אונטער דעם שווערן קאָמוניסטישן רעזשים. ווען דער איד האָט געזעהן ווי איך וואונדער זיך, און איך האָב אויסגעדרוקט דאָס חשיבות דערפון אַז ער און זיין משפחה האָבן געקענט ביישטיין אַזעלכע שווערע נסיונות, און זענען נישט אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ פונעם יצר הרע, האָט דער איד מיט געענטפערט מיט זיין פשטות און תמימות: 'איך פאַרשטיי נישט וואָס איז די גרויסע רבותא... וואָס הייסט מסירות נפש... **אַז גאָט לאָזט ניט, טאָר מען ניט'...**

הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, דער משגיח פון ישיבת 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, פלעגט זאָגן: עס טרעפט זיך אָפּט מאָל אַז אַ מענטש וועט גיין אויף דער גאַס און ער וועט זעהן אַ וואַנט וואָס מ'האָט עס ערשט לעצטענס געפאַרבט מיט 'פּעינט', און עס הענגט דערויף אַ גרויס צעטל אַז עס איז 'פרישער פּעינט', און אַז יעדער זאָל זיך היטן נישט צוצוקומען נאָנט צום פאַרב, כדי נישט פאַרשמירט צו ווערן דערפון, וועט מען איבעראַל טרעפן 'אויבער-חכמים', וואָס ווען זיך נישט קענען איינהאַלטן, און ווען צולייגן אַ האַנט צו זעהן אויב די וואַנט איז נאַס פונעם פּעינט... פון דער צווייטער זייט, האָט מען קיינמאָל נישט געהערט וועגן איינעם וואָס איז געגאַנגען נעבן אַן עלעקטרישן שטאַנג, וואו עס הענגט אַ גרויסער שילד וואָס וואָרנט די דורכגייער אַז עס איז אַ סכנת מוות חלילה אָנצורורן דעם שטאַנג, אַז ער זאָל צולייגן אַ האַנט צו זעהן אויב עס איז טאַקע אַ סכנה. דער חילוק איז פשוט און קלאָר: דער מענטש איז אַלעמאָל גרייט 'זיך איינצושטעלן' אַז עס זאָל זיך אין איהם אָנקלעבן פונעם פרישן 'פּעינט'. ער וועט אָבער גאָר שטאַרק זיך היטן נישט אָנצורירן אַן עלעקטרישן דראָט, כדי נישט זיך אַריינצולאָזן אין אַ **'ספק ספיקא'** פון טויט ח"ו...

דאָס דאַרף מען גוט געדענקען אויך ברוחניות, אַז **אַן עבירה איז נישט 'פרישער פּעינט', נאָר אַ טויט סכנה רח"ל.**

מענין לענין, אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט אַ שאלה פון דעם גאון בעל 'חזון איש' זי"ע, היות מ'האָט איהם אָנגעבאָטן אַן אַרבעטס-פּאָסטן צווישן מענטשן וואָס זענען נישט קיין שומרי תורה ומצוות, אָבער ס'איז ביי איהם קלאָר אַז ער וועט דאָרט נישט דאַרפן עובר זיין אויף איסורים דאורייתא, און אפילו נישט אויף עבירות דרבנן, נאָר עס הערשט אַ געפאַר אַז ער וועט אַריינגעכאַפּט ווערן אין 'קרירות'... האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- **'קרירות', איז 'ביהרג ואל יעבור'...**

אַן ענליכע מעשה, האָט דערציילט הגה"צ רבי נטע ציינווירט זצ"ל, וועגן אַ יונגערמאַן וואָס האָט געוואוינט אין בני ברק, אין אַ דירה וואָס איז געווען אונטער דער ערד (ווי אין אַ קעלער). די דירה איז געווען פאַרנעצט און פול מיט שימל, ביז עס האָט איהם געשאַדט צום געזונט און דער מצב פון זיינע לונגען איז געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט ל"ע. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין ספק אַז דאָס וואוינען אין אַזאַ דירה, שאַפט איהם אַ לעבנס געפאַר רח"ל. אין דער זעלבער צייט, האָט מען איהם אָנגעבאָטן צו קויפן אַ דירה אין דער קרית הערצאָג געגנט אין בני ברק, וואָס איז געווען פיל בעסער און באַקוועמער. אין יענע יאָרן, האָבן דאָרט נאָך געוואוינט אידן וואָס זענען ליידער געווען ווייט פון שמירת התורה והמצוות.

איז דער יונגערמאַן אַריבערגעגאַנגען פרעגן דעם 'חזון איש' זצ"ל, וואָס ער זאָל טוהן. האָט דער 'חזון איש' איהם געפרעגט וואָס עס זענען זיינע צדדים און ספיקות, און דער איד האָט געענטפערט, אַז אין צענטער פון בני ברק איז די סביבה זייער גוט, אָבער די דירה איז אַ סכנה פאַר זיין געזונט. פון דער אַנדערער זייט, איז די דירה אין קרית הערצאָג אין אַ פיל בעסערן צושטאַנד, ס'איז פיל גינסטיגער פאַר זיין געזונט-צוטשאַנד, אָבער עס קען אָבער שאַפן אַ געפאַר ח"ו פאַר'ן חינוך פון זיינע קינדער. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט אַז ער זאָל נישט קויפן די דירה אין קרית הערצאָג, אפילו אויב ער וועט צוליב דעם מוזן פאַרבלייבן אין זיין אַלטע דירה. האָט דער איד געזאָגט, עס האַנדלט זיך דאָך דאָ אין 'פיקוח נפש'. האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט:

- **אין אַן אָרט וואו עס קען זיך שאַפן חלילה אַ 'קאַלטקייט' צו יראת שמים, איז נישט שייך דער היתר פון 'פיקוח נפש'.**

און רבי נטע ציינווירט זצ"ל האָט ערקלערט דאָס ענין, לכאורה קען מען פרעגן, מיר ווייסן דאָך אַז נאָר אויף די דריי האַרבע עבירות (עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכות דמים) ווערט גע'פסק'ענט להלכה אַז מ'איז מחויב זיך צו לאָזן

**באַטש** די מצוה פון אמונה אין דעם אויבערשטען גייט אָן אייביג, אין יעדן זמן, אָבער אָבער יעצט, אין די '9 טעג' - ווען מיר האָפן נאָך מער און זענען מתפלל אויף נחמת ציון וירושלים[ב], און אַז דער

---

הרג'ענען כדי נישט עובר צו זיין אויף די דריי עבירות, אָבער ביי די אַנדערע עבירות פסק'ענען מיר דאָך אַז 'יעבור ואל יהרג' - מ'דאַרף זיך נישט לאָזן הרג'ענען דערויף. נאָר די כוונה פונעם 'חזון איש' איז געווען, ווייל באמת דאָס וואָס מ'איז נישט מחויב זיך צו לאָזן הרג'ענען ביי אַנדערע עבירות, מיינט נישט אַז מ'מעג חלילה טוהן קעגן דעם רצון ה', ווייל וואָס איז ווערד דאָס גאַנצע לעבן פון מענטש אויב ער איז עובר אויף אַן עבירה, נאָר די כוונה איז אַז מיר זאָלן היטן דעם רצון פון באַשעפער. דאָס הייסט, דעם אויבערשטען'ס רצון איז דאָך אַז מיר זאָלן מקיים זיין 'וחי בהם', צו לעבן מיט די תורה, ממילא, ווען עס קומט אונטער אַ נסיון ביי אַנדערע עבירות, זענען מיר מחויב זיך מכניע צו זיין צום רצון ה', און אין דער יעצטיגער מינוט, איז דער רצון פון באַשעפער אַז דער מענטש זאָל עובר זיין אויף אַן עבירה כדי ער זאָל בלייבן לעבן, און אַזוי איז מען זוכה צו זיין נאָנט צו דעם אויבערשטען... דאָס אָבער נאָר דערפאַר ווייל דער מענטש וויל מקיים זיין דעם רצון פון באַשעפער, אָבער אויב עס איז דאָ אַ חשש פון 'קאַלטקייט', וואָס **'קאַלטקייט' מיינט אַז ער זוכט נישט צו טוהן דעם רצון פון באַשעפער, ער טוט זיך נאָר דערווייטערן פון איהם ח"ו**, קען מען דען זאָגן אַז מ'מעג זיך דערווייטערן פון עבודת ה', כדי צו בלייבן לעבן? ס'איז דאָך קלאָר, **אַז ס'איז בעסער פאַר דעם מענטש נישט צו לעבן ווי איידער חלילה זיך צו דערווייטערן פון דעם אויבערשטען.**

**ב.** וועגן דעם ענין פון תפילה, ספּעציעל היינטיגע צייטן, איז באַקאַנט דאָס וואָרט וואָס צדיקים האָבן געזאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים פט, כז) 'הוא יקראני אבי אתה, א-לי וצור ישועתי'. אין יעדן מצב וואָס אַ איד געפינט זיך, אויב ער וועט אַליין נעמען אין אַכט אַז דער אויבערשטער איז זיין ליבער טאַטע, און ממילא וועט ער מתפלל זיין צו איהם - 'הוא יקראני אבי אתה'. ער וועט אויסשרייען 'טאַטעניו העלף!', וועט ער זוכה זיין צו 'א-לי וצור ישועתי', אַז דער אויבערשטער זאָל איהם וואָס שנעלער צושיקן די גאַנצע ישועה.

דער מדרש זאָגט (שמו"ר פכ"א, כו) אַז ווען די אידן זענען געווען ביים ים סוף, האָט דער אויבערשטער געוואָלט הערן זייער קול נאָך אַמאָל און זיי האָבן נישט געוואָלט מתפלל זיין, האָט דער אויבערשטער אָנגערייצט פּרעה ער זאָל זיי נאָכיאָגן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שמות יד, י) 'ופרעה הקריב', און באַלד דערנאָך, **'ויצעקו** בני ישראל אל ה''. אין יענע מינוט האָט דער אויבערשטער געזאָגט: **דאָס האָב איך געוואָלט, איך האָב געוואָלט הערן אייער קול** (ווי איר זענט מתפלל צו מיר), אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (שה"ש ב, יד) 'יונתי בחגוי הסלע השמיעיני'. דער פסוק זאָגט נישט 'השמיעיני קול', נאָר 'השמיעיני את קולך', דאָס גייט אַרויף אויף דעם קול וואָס איך האָב שוין געהערט אין מצרים, וועגן דעם שטייט 'את קולך', עכ"ד המדרש.

דאַרף מען פאַרשטיין, וואָס איז געווען אַזוי ספּעציעל אין 'יענעם קול' וואָס דער אויבערשטער האָט געהערט אין מצרים, אַז ער האָט עס געוואָלט הערן נאָך אַמאָל. נאָך מער איז שווער, וואָס דער מדרש זאָגט אַז זיי האָבן נישט געוואָלט מתפלל זיין. פאַרוואָס טאַקע האָבן די אידן נישט געוואָלט מתפלל זיין?

ענטפערט דער 'דברי ישראל' (פ' שמות, ד"ה 'או יאמר ויצעקו'), לויט ווי זיין זיידע, הרה"ק רבי יחזקאל'ע קאָזמירער זי"ע, האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס איז נישט מיט'ן גאַנצן דעת, איז ביי איהם די תפילה אַזוי ווי ביי אַ קליין קינד וואָס קען נישט רעדן, אויסער וואָס ער רופט **'טאַטע, טאַטע'**, און דאָס אַליין איז גענוג מעורר צו זיין דאָס רחמנות פון זיין טאַטן. דאָס זעלבע איז מיט תפילה, דער עיקר איז אַז ער זאָל זיין אין דער בחינה פון אַ קליין קינד וואָס קען נאָך נישט רעדן, ער קען נאָר אויסרופן מיט אַ פשוט'ן קול **'טאַטע, טאַטע'**, און דאַן ווערט אַוודאי ערוועקט זיין גרויס רחמנות.

לויט דעם זאָגט דער 'דברי ישראל', עס איז באַקאַנט פון ספרים הקדושים ('פרי עץ חיים', שער חג המצות, פ"א) אַז אין מצרים איז געווען אַ 'גלות הדעת', און די אידן האָבן נישט געקענט מתפלל זיין געהעריג צום באַשעפער. זיי האָבן נאָר געקענט שרייען **'טאַטע, טאַטע'...** און זייער געשריי איז אַרויף אין הימל. ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איז אויך געווען אַ גאולת הדעת, זייער דעת איז אויסגעלייזט געוואָרן, און זיי האָבן געקענט דאַווענען מיט כוונות און מוחין. דער אויבערשטער האָט אָבער געוואָלט הערן נאָך אַמאָל דעם קול פון תפילה וואָס ער האָט געהערט אין מצרים, פון די טיפענישן פון זייער האַרץ, ווי זיי האָבן געשריגן **'טאַטע, טאַטע'**, אָבער זיי האָבן

בית המקדש זאָל אינגיכן ווידער אויפגעבויט ווערן - איז נאָך מער די צייט איינצוואָרצלען אין אונזערע הערצער די אמונה, אין זכות פון וועלכע מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות[ג] (ילקוט שמעוני הושע, רמז תקיט).

---

נאָר געוואָלט בעטן מיט כוונות און מיט 'מוחין'. וועגן דעם האָט ער זיי געברענגט פּרעה, און זיי זענען געווען צוטומעלט און פאַרשטעלט אין מדבר, האָבן זיי נישט געקענט דאַווענען מיט 'מוחין', נאָר זיי האָבן בלויז געקענט שרייען **'טאַטע, טאַטע'**... דעמאָלס האָט דער אויבערשטער געזאָגט, **אט דעם קול האָב איך געוואָלט הערן נאָך אַמאָל...**

בכלל, איז כדאי מעורר צו זיין וועגן דעם ענין פון 'כבוד התפילה'. דאָס מיינט, מ'זאָל זיך משתדל זיין **צו קומען צום דאַווענען צייטליך**, און נישט אַריינקומען צו לויפן ווען דער בעל תפילה האַלט שוין ביי 'הודו' א.ד.ג.

הרב הגאון רבי זאב קאָהן שליט"א, אַ משגיח אין דער ישיבה 'מאור התלמוד' אין רחובות, דערציילט, אַז זיין מאמע ע"ה, וועלכע האָט געוואוינט אין קאָפּענהאַגען, דענמאַרק, האָט זוכה געווען צו אריכות ימים, לעבנדיג 101 יאָר. אַזוי האָבן אויך אַסאַך אַנדערע פרומע אידן אין קאָפּענהאַגען געלעבט לאַנגע יאָרן, טייל פון זיי הונדערט יאָר און מער. אַמאָל האָבן די ראשי הקהילה נאָכגעקוקט די זאַך, און זענען דערגאַנגען דעם 'סוד' דערפון, ווייל די אַלע אידן האָבן געהאַט אַ גוטע התנהגות, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיגט צו קומען צום דאַווענען אין שול. זיי זענען אייביג געקומען ביים אָנהייב פון דאַווענען.

אַמאָל זענען די ראשי הקהילה פון קאָפּענהאַגען געווען אויף אַ באַזוך אין ארץ ישראל, און זענען אַריינגעגאַנגען צום גאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, בעל 'שבט הלוי'. זיי האָבן דערציילט פאַר'ן רב וועגן די וואונדערליכע ערשיינונג וואָס מ'זעהט אין זייער קהילה אין קאָפּענהאַגען, אַז די אידן זענען ב"ה זוכה צו אריכות ימים. האָט דער 'שבט הלוי' זיי געזאָגט:

- איך קען אייך זאָגן, איך בין געבוירן געוואָרן אין ווין, און אויך דאָרט האָט מען געזעהן אַז אידן האָבן זיך געעלטערט און געלעבט לאַנגע יאָרן בעזהי"ת. מ'האָט געזעהן בחוש אַז נישט די שטאָט ווין איז אַ גורם דערצו, ווייל די גוים פון ווין האָבן נישט געלעבט אַזוי לאַנג ווי די אידן אין שטאָט (להבדיל), ביז איינמאָל איז אַ איד אַוועק פון דער וועלט ל"ע 'בקיצור ימים ושנים', ביי די זיבעציג יאָר... האָט מען נאָכגעפאָרשט זיינע מעשים, פאַרוואָס ער איז אַוועק ביי די זיבעציג, און נישט געלעבט לענגער, ביז עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלע אידן פון די קהילה קומען-אָן אין ביהמ"ד באַצייטענס צום דאַווענען, אויסער יענער נפטר וואָס פלעגט שפּעטיגן צו קומען צום דאַווענען.

דער אמת איז, אַז מיר געפינען אַ מקור דערויף אין די גמרא (מגילה כז:) וואו עס ווערט דערציילט, אַז די תלמידים האָבן געפרעגט דעם אמורא רבי פרידא - 'במה הארכת ימים', אין וועלכן זכות האָסטו זוכה געווען צו לעבן לאַנג (ער האָט געלעבט 400 יאָר). האָט ער געענטפערט: 'מימי לא קדמני אדם לבית המדרש' - קיינער איז קיינמאל נישט געקומען אין ביהמ"ד איידער מיך.

מ'קען זאָגן אַ רמז, אַז פּונקט ווי מיר ווייסן אַז דאָס וואָרט 'שיבה' איז ראשי תיבות **ש**'תיקה **י**'פה **ב**'עת **ה**'תפילה, אַ רמז אַז דער וואָס רעדט נישט ביים דאַווענען וועט זוכה זיין צו אַ גוטע עלטער, אַזוי איז דאָס וואָרט 'שיבה' אויך ראשי תיבות '**ש**עת **ה**'תפילה **י**'היה **ב**'דייקנות (אָדער ב'זמן'...), אַ רמז אַז אויב מ'פּירט זיך אַזוי, איז מען זוכה צו אריכות ימים. און אויב מ'וועט פרעגן אַז אין דעם צווייטן רמז, איז די ראשי תיבות נישט 'כסדרן'... (ווייל דער אות ה"א פון 'התפילה' קומט דאָ פאַר דעם אות יו"ד און דעם אות בי"ת פון 'יהיה בדייקנות'...) איז דער תירוץ, אַז דאָס טאַקע קענען מיר לערנען דערפון, די סדר איז דאך אַז ווען מ'שטעלט זיך דאַווענען קומען פּלוצלינג אונטער פאַר דעם מענטש פאַרשידענע טירדות און זאַכן וואָס ער דאַרף 'ערלעדיגן' פאַר'ן דאַווענען... איז די 'חכמה', **אַוועקצושטעלן דעם 'סדר'** און זיך שטעלן דאַווענען בעתה ובזמנה.

**ג.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע שרייבט וואונדערליכע ווערטער ('מחנה ישראל', פכ"ו) אַז א מענטש דאַרף וויסן, אַז

דער עיקר פון די פולשטענדיגע טובה וואָס וועט זיין אין די צייט פון די גאולה, וועט יענער איינער באַקומען **לויט וויפיל אמונה און התחזקות ער האט געהאַט אין דעם אויבערשטען אין צייט פון גלות צווישן די גוים**, אויב זיין אמונה איז געווען שוואַך וועט חלילה פאַרשוואַנדט ווערן זיין טיש (פון שכר) לעתיד לבוא. אבער דער מענטש וואָס האָט געהאַט אמונה אין באַשעפער, און ער האָט זיך אייביג מתבונן געווען ביי אַלע זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט

**דאָס** אַלעס איז נישט געזאָגט געוואָרן נאָר לגבי די כלליות'דיגע גאולה פון אידישן פאָלק, נאָר אויך די פרטיות'דיגע גאולה פון יעדן איד, אויסגעלייזט צו ווערן פון זיינע צרות, פאַסירט ווען ער שטאַרקט זיך מיט אמונה, ווי עס שרייבט הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (פרשת ויקהל, אות ג') אין נאָמען פון זיין רבי'ן דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אַז ביי יעדן שריט פון מענטש, בגשמיות אָדער ברוחניות, אויב ער לייגט צו זיין האַרץ צו געדענקען אַז אויך דער דאָזיגער צער קומט פון דעם אויבערשטן כביכול אַליין, נאָר עס איז 'דרך לבוש' - אָנגעקליידעט מיט אַ לבוש. ווען דער מענטש ווייסט דערפון, ווערט אָפּגעטוהן דער לבוש, און עס ווערט בטל דער צער און אַלע גזירות רעות.

**דער** 'תולדות יעקב יוסף' פירט אויס, אַז דאָס איז דער עצם סוד פון די גאולה, און עס איז שייך ביי יעדן מענטש, און אין יעדע צייט.

**אַזוי** ווערט געברענגט אין נאָמען פון דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אויף די ווערטער פון די גמרא (ברכות לג.) 'כל אדם שיש בו דעה, כאילו נבנה בית

---

מיט איהם, אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס מיט איהם פאַר זיין טובה, וועט ער דערהויבן ווערן צו אַ גאָר הויכע מדריגה לעתיד לבוא, און זיין טיש וועט זיין אָנגעפילט מיט אַלעם גוטן.

דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר 'תשואות חן', פ' וישב) וועגן נחום איש גם זו, אַז ביי יעדער זאַך וואָס האָט פאַסירט מיט איהם - אויך ווען עס האָט געשוועבט אַ שרעקליכע סכנה ח"ו אויף איהם - האָט ער פאַרשטאַנען אַז עס איז דאָ גוטס באַהאַלטן דערין, און דורך זיין אמונה אין דעם, און וואָס ער האָט געזאָגט 'גם זו לטובה', איז טאַקע אַנטפלעקט געוואָרן דאָס גוטע וואָס איז טאַקע געווען באַהאַלטן דערין.

מיר ווייסן דאָך אַז **'אין אדם שומע לי ומפסיד'. דער וואָס פאָלגט די הייליגע תורה, האָט קיינמאָל נישט קיין שאָדן.** קיין מענטש האָט נאָך נישט געהאַט אַ שאָדן ווען ער האָט זיך געפירט על פי תורה, ביושר ובצדק (כאָטש עס דאַכט זיך אַמאָל פאַר דעם מענטש אַז דורך זיך איבערקליגן און מורה היתר זיין וועט ער פאַרדינען, איז עס אָבער נישט אַזוי, נאָר דער וואָס גייט גראָד, פאַרדינט אייביג).

מיר האָבן געהערט פון אַ פאַרלעסליכן איד, אַז זיין איידים, אַן אמת'דיגער 'בן תורה', וואוינט אין בראַזיל. לעצטענס איז ער געפאָרן מיט זיין אַלטן קאר, און ער האָט בטעות אָנגעריירט אַ גרויסע שיינע קאַר וואָס איז געשטאַנען ביי די זייטן פון וועג, און ער האָט אַביסל 'אָפּגעקראַצט' איינע פון זיינע גלאַנצנדיגע טירן. דער יונגערמאַן, אַ ירא שמים, האָט געוואָלט רעדן מיט'ן בעה"ב פון יענעם קאר כדי איהם איבערצובעטן און איהם באַצאָלן פאַר דעם געלט שאָדן וואָס ער האָט איהם פאַראורזאַכט. ער האָט אָבער נישט געוואוסט ווער יענער איז, אויב ער איז אַ איד, אָדער אַ גוי (להבדיל). האָט ער דערויבער אויפגעשריבן אויף אַ שטיקל פאַפּיר אין קורצן וואָס דאָ האָט פאַסירט, און ער האָט צוגעשריבן זיין טעלעפאָן-נומער, אַז דער אייגנטימער פונעם שיינעם קאר זאָל זיך פאַרבינדן מיט איהם. ער האָט אַרויפגעלייגט דאָס צעטל מיט זיין נאָמען און טעלעפאָן-נומער אויפ'ן פאָדערשטען פענצטער פון יענעם'ס קאַר.

ער האָט געוואַרט עטליכע טעג, אָבער 'אין קול ואין עונה' - מ'הערט נישט און מ'זעהט נישט אַן ענטפער פון יענעם... אַ וואָך שפּעטער, איז ער צוריקגעגאַנגען צו יענעם אָרט, און ער האָט געזעהן אַז די קאַר שטייט נאָך דאָרט, צוזאַמען מיט'ן קראַץ... האָט ער גענומען אַ גרעסער שטיקל פאַפּיר, און געשריבן מיט גרעסערע ווערטער די זעלבע 'מגילה' וואָס ער האָט פריער געשריבן, צולייגנדיג אַ ביטע צום בעה"ב פונעם קאַר, אַז ער זאָל איהם טעלעפאָנירן, ווייל ער וויל איהם באַצאָלן דעם שאָדן וואָס ער האָט איהם אָנגעמאַכט. אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָט דער בעה"ב פון יענעם קאַר איהם טעלעפאָנירט, און איהם דערציילט אַז ער האָט אַריינגעשיקט אין זיין באַנק-קאָנטע די סומע פון פופציג טויזנט דאָלאַר, ווייל ער האָט געזעהן אַז עס פעלט איהם אין זיין באנק קאָנטע 50 טויזנט דאָלאַר... עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס צעטל וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר יענעם, איז בטעות געווען אַ צעטל מיט'ן חשבון פון זיין באַנק-קאָנטע... און אויף די צווייטע זייט פונעם צעטל איז געווען אויפגעשריבן זיין בקשה... יענער האָט צוגעגעבן אינעם טעלעפאָן געשפרעך מיט איהם, אַז אויב אין דער צוקונפט וועסטו זיך ווייטער געפינען מיט אַ 'מינוס' אין באַנק, זאָלסטו נישט טראַכטן צוויי מאָל, נאָר דו קענסט זיך ווענדן צו מיר און איך וועל ערפילן דיין 'מינוס', ווייל איך זעה אַז דו ביזט אַן ערליכער מאַן.

המקדש בימיו'. דער מענטש וואָס האָט פאַרשטאַנד און שכל ווייסט, אַז דער אויבערשטער איז מיט איהם, און עס איז אינגאַנצן נישט קיין גלות. נאָר אויך אין גלות איז ער גלייך ווי ער וואָלט געזעסן רואיג און זיכער, ווי איינער וואָס עס פעלט איהם גאָרנישט, אַזוי ווי עס וועט זיין ווען דער בית המקדש וועט אויפגעבויט ווערן במהרה בימינו[ד].

### אכן אתה אל מסתתר - די בוכ"ע היט אונז און וועט אונז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (ב, ז) ה' אלוקיך עמך לא חסרת דבר'. האָבן צדיקים געטייטשט, ה' אלוקיך עמך' - ווען אַ מענטש וואָרצעלט איין אין זיך די ריינע אמונה אַז דער אויבערשטער איז מיט איהם, און ער האַלט זיין השגחה אויף איהם ביי יעדן פרט אין יעדער צייט, און ער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעטוהן פון איהם זיין השגחה, ווערט טאַקע מקוים ביי איהם 'לא חסרת דבר' - עס וועט איהם קיינמאָל גאָרנישט פעלן. ווייל ווען דער מענטש איז זוכה צו שפּירן אַז ער ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען, ער און אַלעס וואָס ער פאַרמאָגט זענען איבערגעגעבן אין 'באַגלייבטע הענט' פון זיין ליבן טאַטן אין הימל, טוט די דאָזיגע ידיעה איהם געבן כח און שטאַרקייט און שמחה[ה]. ער ווערט נישט פאַרלוירן אויך אין זיינע

---

**ד.** דער גאון בעל 'שבט הלוי' זצ"ל שרייבט, דער רמב"ם הייבט אָן זיין גרויסן ספר 'יד החזקה', מיט די מצוה פון אמונה אין באַשעפער, ווי ער שרייבט: 'יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון, והוא ממציא לכל נמצא', און אויך ענדיגט דער רמב"ם מיט אמונה אין ביאת המשיח, 'און אינצווישן' זענען געשריבן געוואָרן אַלע הלכות און דינים... אונז צו לערנען, אַז די גאַנצע תורה ווענדעט זיך אין די צוויי חלקים פון אמונה.

**ה.** עס זענען באַקאַנט די גרויסע פּעולות הצלה וואָס דער גאון און צדיק רבי חיים מיכאל דוב ווייסמאַנדל זצ"ל, דער ראש ישיבה פון די נייטרער ישיבה, האָט געטוהן פאַר אידן אין די שרעקליכע צייטן פון די צווייטע וועלט מלחמה. ער האָט ממש געראַטעוועט טויזנטער אידן פון די נעגל פון די רשעים ימ"ש. עס האָט זיך איהם געמאַכט אַ געלעגנהייט צו ראַטעווען נאך 100 טויזנט אידן, אָבער עס זענען געווען געוויסע פאַרשווינען (ליידער, פון אידישן אָפּשטאַם) וואָס האָבן מיט פאַרשידענע פעולות גורם געווען צו פאַרמיידן די רעטונג פון צענדליגער טויזנטער אידן. רבי מיכאל בער זצ"ל האָט געהאַט דערפון גרויס צער. ער האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך דערפון.

שוין זייענדיג אין אַמעריקע, איז ער אַמאָל אַריינגעגאַנגען צום פריערדיגן ליובאַוויטשער רבי'ן הרה"ק רבי יוסף יצחק זי"ע, און זיך אויסגעגאָסן פאַר איהם זיין ביטער האַרץ אויף דעם וואָס אַזוי פיל אידיש בלוט איז ליידער פאַרגאָסן געוואָרן אין אַ צייט ווען מ'איז געווען ביכולת צו ראַטעווען אַזוי פיל אידן, נאָר די רשעים האָבן עס געשטערט. האָט דער ליובאַוויטשער רבי איהם געזאָגט מיט אַ פייערדיג קול:

**- און ווער האָט דאָס אַלעס געטוהן?**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַלעס ווערט דאָך געמאַכט פון דעם אויבערשטען בכבודו ובעצמו. אויך די רשעים וואָלטן נישט געקענט טוהן זייערע רשעות אויב דער אויבערשטער וואָלט נישט געוואָלט אַז עס זאָל אַזוי זיין, און מיר האָבן נישט די מינדעסטע השגחה אין די הנהגה פון באַשעפער.

רבי מיכאל בער פלעגט שפּעטער זאָגן, אַז די דאָזיגע ווערטער פון ליובאַוויטשער רבי'ן האָבן אַריינגעבלאָזן אין איהם אַ רוח החיים, און מיט באַנייטע כוחות האָט ער אויפגעשטעלט שפּעטער די נייטרער ישיבה אין אַמעריקע לשם ולתפארת.

אַן עלטערער איד, אַ באַבובער חסיד, וועלכער האָט ליידער פאַרלוירן אין די מלחמה זיין גאַנצע משפּחה, זיין ווייב און קינדער וועלכער זענען אומגעקומען עקה"ש, הי"ד, און אויך זיין רבי, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זי"ע, איז אומגעקומען און אַרויפגעגאַנגען במעלות קדושים וטהורים, הי"ד, איז אינמיטן די מלחמה געווען צובראָכן ביז גאָר, ער האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך. איינמאָל האָט ער געזעהן אין חלום זיין רבי'ן, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זצ"ל, און ער האָט זיך באַקלאָגן פאַר'ן רבי'ן אויף זיין ביטערן מצב, האָט דער 'קדושת ציון' איהם געזאָגט אין חלום: דער פּסוק זאָגט (דברים יא, יז) 'וחרה אף ה' בכם'. דער פּסוק איז מרמז, אַז אויך אויב עס איז אַ מצב פון **'וחרה אף'** ח"ו, דאַרף אַ איד אייביג געדענקען אַז **'ה' בכם'** - דער אויבערשטער איז מיט אייך, און ער האַלט אַן אויג אויף יעדן איד אויף יעדן שריט און טריט. ער שפּירט-מיט דעם צער פון יעדן איד, אַזוי ווי דער פּסוק

שווערסטע צייטן ח"ו, ווייל ער גלייבט און ער ווייסט אַז 'ה' אלוקיך עמך'. דער אויבערשטער געפינט זיך מיט איהם אויף יעדן טריט און שריט, ער האָט איהם קיינמאָל נישט פאַרלאָזט, און ער וועט איהם אויך ווייטער נישט פאַרלאָזן', און אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם איז מיט אַ גענויע השגחה פרטית פון הימל, מיט רחמנות און ליבשאַפט, וואָס מיר קענען אפילו נישט פאַרשטיין אָן 'אפס קצהו' דערפון, אַלעס איז פאַר זיין פולשטענדיגע און אמת'דיגע טובה'.

**מ'דאַרף** וויסן, אַז פונקט אַזוי ווי אמונה איז אַ 'סם חיים' וואָס ברענגט דעם מענטש צו שמחה,

---

זאָגט (תהלים צא, טו) 'עמו אנכי בצרה', און ער האַלט אַן אויג אויף אידישע קינדער מיט אַ פונקטליכע השגחה פרטית. די ווערטער פון באָבוב'ער רב, האָבן אַריינגעבלאָזן פרישקייט אין זיין חסיד, און ער האָט נאָך די מלחמה געזאָגט, אַז דאָס האָט איהם געהאַלטן אין אַלע זיינע שווערע צייטן.

ביים סוף פון יאָר תש"ג, איז פאָרגעקומען אין ירושלים אַן אסיפת הרבנים, וואו ס'איז געווען אָנוועזנד אַ איד וואָס האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון די ביטערע מלחמה. ער איז געזעסן און געשילדערט פאַר די אָנוועזנדע רבנים די שוידערליכקייטן וואָס די דייטשע רשעים ימ"ש און זייערע אַרויסהעלפער טוהען מיט אידישע קינדער אין אייראָפּע אויף אַ טאָג-טעגליכן אופן. ביים ענדע פון זיין רעדע, האָט ער זיך אויסגעדרוקט אין זיין צעטומלעניש, 'זיי טוהען און ער שווייגט'... האָט דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, סלוצקער רב און ראש ישיבה פון דער ישיבה 'עץ חיים' אין ירושלים, זיך צעשריגן אויפ'ן קול:

**- זיי טוהען?! זיי טוהען?! ער טוט!**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַלעס קומט פאַר מיט אַ חשבון פון הימל, וואָס מיר, מענטשן, 'קרוצי חומר', זענען נישט בכח צו פאַרשטיין די וועגן פון באַשעפער.

אַ יונגערמאַן האָט אַמאָל געפרעגט דעם משגיח פון ישיבת 'חידושי הרי"ם' אין תל אביב, הגה"ח רבי גד'ל אייזנער זצ"ל, ווי אַזוי ער האָט געקענט ביישטיין אַלע שווערעגקייטן אין די ביטערע צייטן פון די מלחמה, און נאָך מער פון אַלעם, ווען ער האָט פאַרלוירן זיין איינציגע טאָכטער אונטער די נאַצישע נעגל. ווען מ'האָט געפרעגט רבי גד'ל'ען די פראַגע, איז פונקט געלעגן אויפ'ן טיש אַ פלעשל. האָט רבי גד'ל אַראָפּגענומען דעם דעקל פונעם פלעשל און עס באַהאַלטן צווישן זיינע פינגער. דאַן האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם יונגערמאַן: זאָג נאָר, וואו געפינט זיך דאָס דעקל פונעם פלאַש? האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, אַז עס 'באַהאַלט זיך' אונטער די פינגער פון דעם משגיח. האָט רבי גד'ל ווייטער געפרעגט, און אויב עס וועט יעצט אַריינקומען איינער פון די גאַס און ער וועט זוכן דאָס דעקל, וועט ער עס געפינען? האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, זיכער אַז נישט, ווייל דער משגיח האָט דאָך עס באַהאַלטן צווישן זיינע פינגער. האָט רבי גד'ל פאָרגעזעצט צו פרעגן: און אויב ער וועט הערן אַז דאָס דעקל געפינט זיך צווישן מיינע פינגער, וועט ער עס נאָך אַלץ זוכן? האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, ניין, ווייל אויב ער ווייסט אַז דאָס דעקל געפינט זיך צווישן אייערע פינגער, וואָס האָט ער צו זוכן. האָט רבי גד'ל איהם געזאָגט:

- אָט אַזוי, האָב איך געקענט אַדורכמאַכן די שווערע צייטן פון די מלחמה, ווייל איך האָב געוואוסט אַז **אין די גרויסע הסתרה, 'אכן אתה א-ל מסתתר' - געפינט זיך דער גרויסער ליבער באַשעפער וואָס ער שטייט און היט מיך.** און אַז איך האָב געוואוסט אַז דער אויבערשטער האַלט אויף מיר אַן אויג, האָב איך פאַרשטאַנען אַז **איך דאַרף איהם נישט זוכן, ווייל ער געפינט זיך דאָך מיט מיר.**

**ו.** אַזוי שרייבט דער קאָזשניצער מגיד זי"ע אין 'עבודת ישראל' אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ב, ז) 'כי ה' אלוקיך ברכך בכל מעשה ידך, ידע לכתך את המדבר הגדול הזה' וגו'. מיר לייענען דעם פסוק יעדעס יאָר אין די 'ניין טעג', צווישן ראש חודש אב און תשעה באב. לערנט אונז דער פסוק, אַז אין אַלע אונזערע איבערלעבענישן, ווען מיר האָבן געוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערן, איז דער אויבערשטער ברוך הוא געווען מיט אונז, צו וויזן אונז אַז **אויך ווען מ'געפינט זיך אין שווערע טעג ח"ו - 'בין המצרים' - דאַרף מען געדענקען אַז 'ה' אלוקיך ברכך בכל מעשה ידך'.** דער אויבערשטער בענטשט דיך און ער האַלט אויף דיר אַן אויג. פונקט אַזוי ווי ער האָט אונז געפירט אין אַ לאַנגען שווערן מדבר, אַזוי גייט ער אויך היינט פאַר אונז, און ער וועט אונז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן חלילה.

**ז.** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, פאַרוואָס מיר זעהען היינט אַז אידישע קינדער ליידן נעבעך אַזוי פיל גרויסע צרות ה' ירחם. די סדר איז, אַז אַ גרויסער סוחר (וואָס מ'רופט היינט אַ 'האָולסעילער'), פאַרקויפט

זיין סחורה פאַר קליינע סוחרים, יחידים. די קליינע סחורים האָבן דאָך נישט אייביג ביי דער האַנט 'מזומנים' געלט. צאָלן זיי דעריבער אַ קליינעם סכום ווען זיי נעמען די סחורה, און דאָס איבעריגע, בלייזט אַלס אַ חוב אויף באָרג. אַ יאָר שפּעטער, קומען די סוחרים נאָך אַמאָל, זיי נעמען די סחורה ביי דעם מעקלער, און זיי באַצאָלן ווידעראַמאָל נאָר אַ קליינעם טייל פונעם חוב, און דאָס איבעריגע טוהען זיי צושטעלן צום חוב פון אַ יאָר פריער, און אַזוי וואַקסט דער חוב פון יאָר צו יאָר...

איינמאָל ווען די סוחרים זענען געקומען אויפ'ן מאַרק, האָבן זיי געהערט צו זייער שטוינונג ווי דער סוחר לאָזט וויסן, רבותי, היי יאָר האָט דער 'שפּיל' זיך געענדיגט... יעדער איינער וואָס וויל קויפן סחורה, דאַרף באַצאָלן דאָס גאַנצע געלט אין מזומן, און אויך ערלעדיגן דעם גאַנצן חוב וואָס ער איז שולדיג פון פריער...

האָבן די קונים זיך געוואונדערט, און אין שרעק האָבן זיי געפרעגט דעם סוחר, 'מה יום מיומיים'. וואָס האָט היינט פּאַסירט אַז איר ווילט האָבן דאָס גאַנצע געלט פאָראויס, איר שפּירט זיך אפשר נישט גוט... פאַרוואָס פאַרלאָזט איר זיך נישט אויף אונז אַז מיר וועלן שפּעטער באַצאָלן? האָט דער סוחר זיי געענטפערט:

- גאַנץ פּשוט. 'נער הייתי גם זקנתי'. איך ווער שוין עלטער ב"ה, און ס'איז יעצט דאָס לעצטע יאָר וואָס איך וועל דאָ שטיין ביי דעם יריד, און צוליב דעם פאָדער איך איר זאָלט באַצאָלן אַלע איירע חובות, און אויך פאַר די סחורה פון קומענדיגן יאָר...

דער נמשל איז פאַרשטענדליך. דער אויבערשטער האָט געהאַט אַ 'געשעפט' וואָס רופט זיך מיט'ן נאָמען 'גלות'. דאָס דאָזיגע 'געשעפט' האָט אַ ציל און אַ תכלית, מ'זאָל פאַררעכטן וואָס מ'האָט קאַלעי געמאַכט. ליידער, זענען אָבער אידישע קינדער געבליבן מיט'ן 'חוב', און דער שטן האָט מקטרג געווען אַז זיי האָבן נישט באַצאָלט אַלעס וואָס זיי דאַרפן באַצאָלן, און נאָך ערגער דערפון - זיי האָבן ליידער צוגעלייגט נאָך אַ 'חוב' צום אַלטן חוב... זאָגט יעצט דער אויבערשטער, איך האַלט ביים שליסן דעם 'גלות', איך וויל פאַרמאַכן דאָס געשעפט אויף אַ פולשטענדיגן אופן און מאַכן אַ סוף צום גלות, ממילא, דאַרף איר באַצאָלן דעם גאַנצן חוב, 'חדשים גם ישנים'.

**ממילא, טאָר מען נישט ווערן צעמישט און צעטומלט פון דעם שווערן גלות און די צרות וואָס שטאַרקן זיך ל"ע, ווייל אדרבה, דאָס איז אַ סימן אַז די צייט פון אונזער אויסלייזונג דערנענטערט זיך. התייצבו וראו את ישועת ה', בקרוב ממש, במהרה בימינו אמן.**

## מן הבאר

אַן אָרימאַן איז געגאַנגען ביי די זייט פון וועג, מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצע. אינמיטן וועג, איז פאַרביי געפאָרן אַ רייכער מאַן מיט זיין פּרעכטיגן וואָגן, און זעהענדיג דעם אָרימאַן גיין אַ פאַרמאַטערטער פון דעם שווערן פּעקל און דעם וועג, האָט ער רחמנות באַקומען אויף איהם, און איהם איינגעלאַדן אַרויפצוקומען אויף זיין וואָגן. דער אָרימאַן איז טאַקע אַרויפגעשטיגן אויפ'ן וואָגן, אָבער ער האָט ווייטער געהאַלטן זיין טאָרבע אויף די פּלייצע. האָט דער עושר זיך געוואונדערט, פאַרוואָס לייגט איר נישט אַראָפּ אייער שווערן פּעקל? האָט דער אָרימאַן געענטפערט מיט זיין נאַרישן שכל: צי דען איז נישט גענוג אַז איך בין אייך מטריח **מיך** צו טראָגן אַזאַ ווייטן וועג, איז דען רעכט אַז איך זאָל אויך אַרויפלייגן **מיין לאַסט** אויף אייער וואָגן? ס'איז נישט מער ווי יושר אַז דער וואָגן זאָל נאָר מיך פירן, און דאָס שווערע פּעקל וועל איך שוין אַליין טראָגן... האָט דער עושר זיך צעלאַכט, און געזאָגט: נאַר איינער, יעצט טראָגט דאָך דער וואָגן אויך דיך און דיין פּעקל. דו טוסט גאָרנישט אויף מיט דעם וואָס דו טראָגט די לאַסט אַליין.

דער נמשל איז, אַ מענטש וואָס זאָרגט זיך, און ער טראָגט אַליין זיין 'פּעקל', טראַכטנדיג, איך וויל נישט 'מטריח זיין' כביכול דעם באַשעפער צו טראָגן מיין פּעקל, נאָר איך וועל אַליין טראָגן מיינע דאגות אויף די פּלייצע, און מיט דעם וועל איך העלפן דעם באַשעפער כביכול מיך צו טראָגן... איז דאָך אַ שוטה גמור, אַזוי ווי יענער אָרימאַן וואָס מיינט אַז ער טוט לייכטער מאַכן פאַר'ן וואָגן ווען ער טראָגט אויף זיין פּלייצע זיין פּעקל... דער מענטש מיט זיין גאַנצן פּעקל זענען דאָך אויף די 'פּלייצעס' פון דעם אויבערשטען כביכול.

אַזוי איז פאַרקערט ח"ו, די דאגה און דער צער וואָס אַ מענטש האָט, ווייזן אַז עס פעלט איהם אמונה[ח], אַזוי ווי די ספרים טייטשן דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (א, יב) 'איכה אשא לבדי טרחכם ומשאכם וריבכם'. זאָגט רש"י, 'משאכם, מלמד שהיו אפיקורסים'. דאָס וואָרט 'משאכם' ווייזט, אַז זיי זענען געווען אפיקורסים און האָבן נישט געגלייבט אין דעם אויבערשטען. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, ווי אַזוי איז משמע פונעם וואָרט 'משאכם', אַז זיי זענען געווען אפיקורסים?

**איז** דער תירוץ, אַז דער מענטש וואָס ער שפירט אַז 'משאכם' - די לאַסט איז 'זיינע', ער אַליין טראָגט דעם עול פון זיין פרנסה, דעם עול פון רפואה, דעם עול פון שידוכים, דעם עול פון חינוך הבנים און נחת בכלל, דעם עול פון זיין הויז מיט אַלע באַדערפענישן, און ער אַליין טראָגט די לאַסט פון זיינע צרות וואָס דריקן זייער שווער חלילה אויף איהם, איז אַזאַ געפיל אַ געדאַנק פון אפיקורסות, ווייל דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען ווייסט קלאָר, אַז דער אויבערשטער טראָגט אויף זיינע פלייצעס כביכול, איהם מיט אַלע זיינע 'פעקלעך' און צרות. ממילא, האָט ער זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן. ער דאַרף נאָר אַרויפוואַרפן זיין 'פעקל' אויף דעם באַשעפער, און ער וועט איהם העלפן און געבן אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן.

**אַזוי** ברענגט הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע (פ' צו, חוקת, ועוד) אין נאָמען פון 'אלשיך' הקדוש זי"ע, אויף דעם פסוק אין די הפטרה (ישעי' א ג) 'ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו, ישראל לא ידע עמי לא התבונן'. דער נביא טוט מוסר'ן די אידן פאַרוואָס זיי האָבן זיך נישט מתבונן געווען אין דעם ווער עס טוט זיי שפייזן און ערפילט אַלע זייערע באַדערפענישן.

**דאַרף** מען לכאורה פאַרשטיין, גאַנץ רעכט די ערשטע טענה פון 'ידע שור קונהו', איז אַ טענה אויף אידישע קינדער, פאַרוואָס ווייסט דער אָקס יאָ ווער עס איז זיין בעה"ב, און איר, אידן, אנערקענט נישט אַז דער אויבערשטער איז דער 'בורא ומנהיג לכל הברואים', ער האָט באַשאַפן און ער פירט אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט, מיט אַלע זייערע באַדערפענישן. אָבער די צווייטע טענה - 'וחמור אבוס בעליו', איז שווער, וואָס פאַראַ טענה איז עס אויף די אידן, אַז זיי ווייסן נישט וואו זייער שפייז געפינט זיך, פון וואו זאָל אַ מענטש ווייסן וואו זיין שפייז ליגט.

**זאָגט** דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע, אַז דער נביא מיינט צו זאָגן, דאָס אייזל זאָרגט זיך נישט וועגן זיין פעקל מיט שפייז ווייל ער 'ווייסט' קלאָר אַז זיין בעה"ב וועט איהם אַלעס צושטעלן. ממילא קומט דער נביא מיט אַ טענה צו די אידן, פאַרוואָס זאָרגט איר זיך וועגן אייער פרנסה און וועגן אַלע אייערע באַדערפענישן. פאַרוואָס טוט איר זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען וואָס ער שפייזט די גאַנצע וועלט, ווייל דער מענטש וואָס די ריינע אמונה איז איינגעוואָרצלט ביי איהם אין האַרץ, ווייסט קלאָר אַז ס'איז נישט דאָ קיין אָרט צו זאָרגן וועגן פרנסה, וואָס ער באַקומט סיי-ווי פון דעם אויבערשטען[ט].

---

**ח.** הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פסוק ביים סוף פון דער היינטיגער פרשה (ג, טו) 'ולמכיר נתתי את הגלעד', אַז די ספר תורה איז נישט געפינטעלט מיט נקודות, כדי מ'זאָל קענען דרש'ענען די ווערטער און די פסוקים פון די תורה, ווי עס קומט אונז אויס פאַר אונזער באַדאַרף. האָט רבי דוד'ל לעלובער געזאָגט, **'ולמַכּיר'** (מיט אַ נקודה פון 'פתח' אויף דעם אות מ"ם). ווי אַזוי קען דער אויבערשטער **דערקענען** אויב אַ איד האָט אמת'ע אמונה אָדער נישט? איז דער תירוץ, **'את הגל-עד'**, פון לשון 'גילה'. **די שמחה וואָס אַ איד האָט אין יעדן מצב, איז אַן 'עד'**. עס זאָגט עדות אַז ער קען דעם אויבערשטען (ספר 'מרום הרי"ם', און 'ליקוטי דברי דוד', ועוד).

**ט.** הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט אַ וואונדערליכן משל, דער זון פון אַ קעניג האָט זיך נישט געפירט ווי ס'דאַרף צו זיין, האָט דער טאַטע איהם באַשטראָפט און איהם פאַרשיקט זיך צו געפינען צווישן אָרימע געלט-זאַמלער, אַז ער זאָל שפירן אַ טעם פון אָרימקייט. דער זון פונעם קעניג איז אַזוי לאַנג געזעסן צווישן די אָרימע בעטלער, ביז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן זיין אָפּשטאַם, און איז געוואָרן ווי איינער פון זיי.

מיט דער צייט, האָט זיין טאַטע דער קעניג רחמנות באַקומען אויף איהם, און ער האָט געשיקט איינע פון זיינע באַדינער איהם צו פרעגן אויב עס פעלט איהם עפּעס. האָט דער זון פונעם קעניג זיך געפרייט, אַז יעצט וועט ער

## תולה ארץ על בלימה - די הייליגע מדה פון נישט ענטפערן בשעת אַ בזיון

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (ב, ה) 'כי ירושה לעשו נתתי את הר שעיר'. זאָגט רש"י, 'ירושה לעשו, מאברהם' - פון אברהם וואָס איך האָב איהם געגעבן צען פעלקער. זיבן פעלקער זענען געגעבן געוואָרן צו די אידן. דריי פון זיי זענען עמון, מואב און שעיר איין לאַנד פאַר עשו, און צוויי פון זיי זענען פאַר די קינדער פון לוט, אַלס שכר פאַר דעם וואָס לוט איז געגאַנגען מיט אברהם אבינו ע"ה קיין מצרים, און ער האָט געשוויגן ווען אברהם האָט געזאָגט וועגן שרה אַז זי איז זיין שוועסטער, האָט אברהם געמאַכט אַז לוט זאָל זיין אַזוי ווי איינער פון זיינע קינדער (ער האָט איהם געגעבן אַ ירושה), ע"כ.

**זאגט** דער גאון בעל 'חפץ חיים' זצ"ל (מאמר כבוד שמים, פ"א, אות ה) אַ מורא'דיגע זאַך: **אָפט מאָל איז אַ** מענטש זוכה ווען ער טוט זיך איינהאלטן צו רעדן, אַז די וועלט האָט דורך איהם אַ קיום. צום ביישפיל, ביי אַ קריגעריי, אויב דער מענטש ווערט פאַרשעמט און ער האַלט זיך צוריק נישט צו ענטפערן יענעם וואָס האָט איהם פאַרשעמט', אַזוי זאגט די גמרא (חולין פט.)

---

קענען ערפילן זיינע פאַרלאַנגען, און ער האָט מיט פרייד געענטפערט פאַר דעם שליח פון זיין טאַטן דעם קעניג: איך בעט פון מיין טאַטן, ער זאָל מיר שיקן אַ נייע 'טאָרבע' (וואָס די אָרימעלייט וואָס פלעגן גיין זאַמלען נדבות איבער די שטעט, האָבן זיך באַנוצט דערמיט), ווייל מיין אַלטע טאָרבע איז שוין געוואָרן אָפּגעריבן און פאַרשימלט.

דער נמשל איז, אידישע קינדער, די זון פון דעם גרויסן קעניג דער באַשעפער ברוך הוא, זענען פאַרטריבן געוואָרן אין אַ לאַנגען גלות, און מיר זענעןליידער אַזוי פאַרזינקען, אַז אָפט מאָל דערגרייכן אונזערע השגות נאָר צו אַ נייע טאָרבע. ערשט ווען די גאולה וועט קומען און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן אויף אַ פולשטענדיגן אופן בב"א, וועלן מיר פאַרשטיין און שפירן אַז עס זענען דאָ פיל וויכטיגערע זאַכן וואָס האָבן געפעלט אין ביטערן גלות.

ענליך ווערט געברענגט אין נאָמען פון דעם גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע, אַ מורא'דיגער משל, אַ קליין קינד וואָס מ'האָט פון איהם אַוועקגענומען זיין טאַטן, זיין מאַמען, זיין הויז, און אויך זיינע שפילערייען. שטייט דאָס קינד אינמיטן גאַס און וויינט און שרייט, קלאָגנדיג אויף דעם שפילצייג וואָס מ'האָט אַוועקגענומען פון איהם. אין אַ זייט שטייט אַ קלוגער מענטש און ער טראַכט ביי זיך, וואָס האָט פאַסירט מיט דעם יונגל? איז ער אינגאַנצן נישט ביים דעת חלילה? מ'האָט דאָך איהם איבערגעלאָזט אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, אָן אַ הויז, און ער וויינט אויף זיינע שפילצייגן...

דער נמשל איז, אין ביטערן גלות האָט דער אויבערשטער כביכול זיך דערווייטערט פון אונז. די הייליגע שכינה, אונזער 'מאַמע', האָט זיך אָפּגעטוהן פון אונז, דעם בית המקדש האָט מען חרוב געמאַכט, מיר זענען פאַרשיקט געוואָרן אין גלות, און מיר שטייען און וויינען אויף נאַרישקייטן, אויף שפילצייגן וואָס פעלן אונז... רבונו של עולם, ערפיל אונזערע פאַרלאַנגען און גיב אונז...

פון דער אַנדערער זייט, אָבער, קען מען דאָ זעהן און לערנען אַ גרויסן לימוד זכות אויף אידישע קינדער. **אין דעם גאַנצן 'טירוף הדעת' פון גלות, זעהען מיר ווי אידישע קינדער לערנען תורה אין די ישיבות און כוללים, אין די היכלי תורה און ביי שיעורי תורה, מ'זוכט די נאָנטקייט צו דעם אויבערשטען ביים דאַווענען, און מ'פּרובירט שפירן עפּעס אַ טעם אין די מצוות. 'אכסוף נועם שבת'. דאָס איז דאָך דער גרעסטער לימוד זכות פאַר אידישע קינדער אין גלות.**

**י. מ'קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן ווי חשוב עס איז אין הימל ווען מ'ליידט אַ בזיון און מ'ענטפערט נישט דערויף,**

ווי דער שאַמלויער רב, הגאון רבי שלמה זלמן עהרענרייך זצ"ל הי"ד, בעל 'לחם שלמה' ועוד, האָט געזאָגט אויף דעם פסוק (תהלים עו, יא) 'חמת אדם תודך, שארית חמות תחגור'. **'חמת'** - אַז ווען דער מענטש איז אויפגערעגט, און ער האַלט זיך צוריק נישט צו ענטפערן יענעם, **'תודך'** - ווערט עס איהם גערעכנט אַזוי ווי ער וואָלט מקריב געווען אַ 'קרבן תודה' פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא. און נישט נאָר דאָס, נאָר **'שארית חמות'** - דאָס וואָס ס'איז איבערגעבליבן פון יענעם צאָרן אין זיין האַרץ, ער האָט זיך איינגעהאַלטן דעם כעס און זיך נישט אויפגערעגט... **'תחגור'** - טוט דער אויבערשטער כביכול זיך 'אָנגאַרטלען' דערמיט, אַזוי ווי אַ מענטש לייגט אַרויף אַ גאַרטל אויף זיין בגד.

אויפ'ן פסוק (איוב כו, ז) 'תולה ארץ על בלימה', 'על מי העולם קיים, על מי שבולם פיו בשעת מריבה'.

**דאָס** איז 'מדה כנגד מדה', ווייל צומאָל מערן זיך די קיטרוגים ח"ו דורך די עבירות וואָס מענטשן טוהען, און די וועלט קען ח"ו פאַרלענדט ווערן, אָבער דורך די הייליגע מדה פון שווייגן בשעת אַ בזיון, וכדומה, פאַרשטאָפּט מען דאָס מויל פון די מקטריגים.

**זאָגט** דער 'חפץ חיים', פון ווי זעהן מיר דאָס? פון לוט. ווייל אַפילו לוט וואָס ער איז בכלל נישט געווען אַזוי חשוב, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יג, יא) 'ויסע לוט מקדם', זאָגט רש"י, 'הסיע עצמו מקדמונו של עולם' - לוט האָט געזאָגט, איך בין נישט אינטערעסירט, נישט אין אברהם, און נישט אין זיין גאָט. פונדעסטוועגן, וויבאַלד ער האָט געשוויגן ווען ער האָט געהערט אַז אברהם אבינו ע"ה זאָגט אַז שרה איז זיין שוועסטער, איז ער געוואָרן אַזוי ווי אַ קינד פון אברהם, און ער האָט באַקומען אַ ירושה פון איהם.

**קען** מען פון דעם לערנען אַ 'קל וחומר', וויפיל טובות דער אויבערשטער געבט פאַר אַ איד אויב ער פאַרמאַכט זיין מויל נישט צו רעדן ביי אַ מחלוקת[יא], א.ד.ג.

---

ענליכע ווערטער האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'אמרי חיים' זי"ע, אויפ'ן פסוק (תהלים קמז, ב) 'נדחי ישראל יכנס', אַז דאָס וואָס אַ איד טוט 'אַוועקשטופּן' און זיך איינהאַלטן דערפון (סיי פון אַ וואָרט וואָס מ'טאָר נישט רעדן, און סיי פון אַנדערע סאָרטן איינהאַלטונגען, נישט נאָכצוגעבן זיך די תאוות), טוט דער אויבערשטער עס צונויפזאַמלען, און ער באַהאַלט עס אין זיינע אוצרות, ווייל זיי זענען באַליבט ביי איהם מער פון אַלעם...

**יא.** די פאָלגענדע מעשה, האָבן מיר געהערט פון אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה, וועלכער וואוינט אין ניו יאָרק.

דער יונגערמאַן האָט געהאַט דריי קינדער - דער יונגסטער פון זיי, איז שוין געווען 11 יאָר אַלט. די דאָקטוירים האָבן איהם געזאָגט, אַז ער האָט שוין נישט קיין האָפענונג צו געבוירן נאָך קינדער.

אין אַ פרייטאָג, זומער פון יאָר תשפ"ג, איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ בעקעריי, כדי דאָרט איינצוקויפן געבעקסן, חלות און 'קעיק', לכבוד שבת. אין יענעם געשעפט איז איינגעפירט (אַזוי ווי אין אַסאַך עסן געשעפטן) אַז די קונים טוהען אָן 'הענטשקעס', איידער זיי רירן אָן די חלות און געבעקסן. יענער יונגערמאַן האָט אָבער נישט געהיטן דעם מנהג, און ווען ער האָט גענומען אַ חלה אין האַנט (צו זעהן אויב ער וויל עס קויפן), האָט אַן אַנדערער קונה איהם אָנגעשריגן, הויך אויפ'ן קול: 'צי דען דאַרפן אַנדערע מענטשן קויפן דאָס וואָס דו האָסט אָנגערירט מיט דיינע הענט?!'. ער איז פאַרשעמט געוואָרן דערפון אויף אַ שרעקליכן אופן. דער גרעסטער בזיון איז נאָך באַשטאַנען אינעם פאַקט, וואָס אַלע אַנדערע קונים אין די בעקעריי האָבן געשוויגן, און ער האָט געשפירט אַז זיי זענען מסכים מיט דעם קונה וואָס האָט איהם פאַרשעמט... ס'איז דאָרט נישט געווען אַפילו איין מענטש וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר איהם.

אויפ'ן אָרט, האָט דער יונגערמאַן אויפגעהויבן זיינע אויגן צום באַשעפער, און ער האָט שטילערהייט מתפלל געווען פון טיפן האַרצן: ליבער טאַטע אין הימל, זאָלן מיינע בזיונות זיין אַ זכות פאַר מיינע צוויי שוועסטער, וואָס וואַרטן שוין לאַנגע יאָרן געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער. איין שוועסטער זיצט און וואַרט שוין פיר יאָר, און די צווייטע, וואַרט שוין זעקס און אַ האַלב יאָר.

דער אויבערשטער האָט געהערט זיין תפילה, און נישט נאָר **זיינע צוויי שוועסטער זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער** - איינע, ערב פורים, און די צווייטע, ערב פסח - נאָר **אויך ער**, וואָס ער איז געווען אַ 'מתפלל בעד חבירו', **האָט זוכה געווען צו נאָך אַ קינד - טראָץ אַלע 'שוואַרצע נביאות'ן' פון די דאָקטוירים**. זעהען מיר דאָ אַ פאַל פון דריי קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין זכות פון אַ פאַרשעמונג, ווען מ'האָט געשוויגן נאָך אַ בזיון. ס'איז נישט געווען אַ בחינה פון 'יש קונה עולמו בשעה אחת', נאָר גאָר 'דריי וועלטן' - 'יש קונה **שלשה עולמות** בשעה אחת'...

אַן ענליכע מעשה האָבן מיר געהערט, אַ רב איז געזעסן זומער שנת תשפ"ג ביי שלש סעודות - 'רעוא דרעווין', אין איינע פון די 'קאָנטריס' אין ניו יאָרק, און האָט מאריך געווען מיט דברי תורה. ס'איז שוין געווען נאָך דעם זמן פון מוצאי שבת, און דער רב זיצט נאָך אַלץ און דרש'ענט... איז איינער פון די מתפללים געוואָרן אומגעדולדיג, און ער האָט זיך גענומען שרייען אויף דעם רב: 'טירחא דציבורא'... 'פאַרוואָס זענען איר מאריך מיט דרשות וואָס האָבן נישט קיין טעם'... אַזוי האָט ער איהם 'אָנגעגאָסן' מיט אַ 'פולן קראַן' פון בזיונות, לעיני קהל ועדה. דער רב האָט אָבער געשוויגן, און נישט געענטפערט אַפילו מיט אַ וואָרט.

שפּעטער איז אַ יונגערמאַן צוגעגאַנגען צו יענעם רב, און איהם געזאָגט: 'איך וואָרט שוין זעקס יאָר געהאָלפן צו ווערן מיט אַ קינד, זינט מיין יונגסטער זון איז געבוירן געוואָרן. בעט איך פון אייך אַ ברכה, אין זכות פון אייער שווייגן ביי דעם בזיון'. האָט דער רב איהם געוואונטשן פון טיפן האַרצן, צוגעבנדיג: 'נישט איין זון, נאָר צוויי'...

וכך הוה, חודש תמוז תשפ"ד, איז ביי דעם יונגערמאַן געבוירן געוואָרן **אַ צווילינג**, צוויי געזונטע קינדער למזל טוב.

עטליכע וואָכן צוריק, איז נפטר געוואָרן אין ניו יאָרק אַ איד אַ גדול בתורה, הרב הגאון רבי אברהם שלמה יאַוואָ זצ"ל, לעמבערגער רב, וועלכער האָט זוכה געווען צו זיין אַ מרביץ תורה פאַר טויזנטער אידן (ער איז לײדער נפטר געוואָרן נאָך אַ שווערע מחלה רח"ל אין עלטער פון בלויז 55 יאָר). ער האָט לאַנגע יאָרן פאָרגעלערנט שיעורים אויף גאַנץ ש"ס מיט אַ זעלטענע קלאָרקייט, און אַסאַך אידן זאָגן עדות אַז זיי האָבן באַקומען אַ חשק און אַ געשמאַק אין לערנען, נאָכ'ן הערן זיינע קלאָרע שיעורים.

הרב יאַוואָ האָט דערציילט וועגן זיך, אַז ווען ער איז אַלט געווען 14 יאָר, האָט ער מקיים געווען 'הוי גולה למקום תורה', און איז געפאָרן קיין קאַנאַדע, לערנען אין דער טאָהשער ישיבה. ליידער, האָט ער נישט געזעהן אַ ברכה אין זיינע לימודים. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די שיעורים, א.א.וו. נאָך אַ צייט וואָס ער האָט טאָג-טעגליך פּרובירט און נישט מצליח געווען, האָט ער געקלערט ביי זיך, ווער ווייסט, אפשר בין איך בכלל נישט שייך צו דעם אַלעם, און דער יאוש האָט שוין אָנגעהויבן צו עגבערן ביי איהם אין מוח און אין האַרץ.

אַמאָל אין אַ שבת, ווען ער איז געזעסן ביי די גמרא, האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס ער לערנט... האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין ביז די הייליגע גמרא איז געוואָרן איינגעזאַפּט מיט זיינע הייסע טרערן. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון ביהמ"ד, און האָט ווייטער געוויינט. איינער פון די מגידי שיעור אין ישיבה האָט איהם באַמערקט, און ער האָט איהם שטאַרק מחזק געווען. ער האָט איהם אַריינגעפירט צום טאָהשער רבי'ן זי"ע, דערציילנדיג פאַר דעם רבי'ן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

דער טאָהשער רבי האָט איהם שטאַרק ערמוטיגט און מחזק געווען, זאָגנדיג, '**דו וועסט נאָך זוכה זיין צו מאַכן אַ סיום אויף גאַנץ ש"ס**'. דאָס זענען געווען ווערטער, וואָס האָבן דעמאָלס אויסגעזעהן ווי 'על מנת שתעלה לרקיע'... און וואונדער איבער וואונדער: שפּעטער האָבן די שערי תורה און חכמה זיך געעפנט פאַר איהם, און ער האָט זוכה געווען צו ענדיגן איין מסכתא נאָך די צווייטע, ביז ער איז אָנגעקומען דאָרטן וואו ער איז אָנגעקומען...

די דאָזיגע מעשה האָט דערציילט זיין זון אין זיין הספד ביי די לוי', צוגעבנדיג, אַז **אַלס קינד** האָט זיין טאַטע געלערנט אין אַ תלמוד תורה אין וויליאַמסבורג, און ער האָט דאָרט געליטן שרעקליכע רדיפות, פּיזיש און גייסטיש. ער איז געווען דער גרעסטער 'נרדף' אין זיין כיתה, ליידנדיג אַסאַך בזיונות. דאָס האָט איהם שטאַרק צובראָכן און משפּיע געווען אויף איהם ער זאָל נישט מצליח זיין אין זיינע לימודים. אָבער ווי געזאָגט, האָט ער **אַלס בחור** זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר דעם טאָהשער רבי'ן זי"ע, וועלכער האָט איהם געזאָגט, **דו וועסט נאָך זעהן, וועסט נאָך מסיים זיין גאַנץ ש"ס**. אויך ביים טיש, האָט דער טאָהשער רבי מערערע מאָל איהם געשיקט שיריים, און איהם געזאָגט: **דאָס שיקט מען פאַר דעם בחור וואָס וועט ענדיגן ש"ס...**

די וואַרימע חיזוק-רייד פון טאָהשער רבי'ן זי"ע, האָבן אַריינגעדרינגען אין זיין האַרץ, און ער איז געוואָרן אַ נייער מענטש. ער האָט באַקומען פרישע כוחות צום לערנען, ביז ער האָט צום סוף זוכה געווען איבערצולאָזן הונדערטער און טויזנטער תלמידים, זקנים עם נערים, וועלכע האָבן געהערט זיין שיעורים אויף גאַנץ זכות. **אַלעס, אין זכות פון איין גוט וואָרט פון חיזוק.**

מיר האָבן געהערט פון עדים נאמנים, אין נאָמען פון אַ חשוב'ן איד מיט'ן נאָמען ר' מענדל, אַ מגיד שיעור אין אַ ישיבה אין ארץ ישראל פאַר בחורים פון אַמעריקע. דערציילט ער, אַז מיט יאָרן צוריק, האָט אַ יונגערמאַן פון חוץ לארץ וואָס האָט אַמאָל געלערנט אין זייער ישיבה, טעלעפאָנירט צו דעם משגיח פון די ישיבה, הרב ראָטמאַן שליט"א, און איהם דערציילט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען טוהן פאַר פרנסה, און איז געוואָרן אַ מעקלער ('בראָקער' בלע"ז). לעצטענס האָט ער אָנגעבאָטן פאַר עמיצן אַ געשעפט, צו קויפן אַ 'נוירסינג האָום'. געוואוינליך, באַקומען דער 'בראָקער' פאַר די מעקלעריי, איין פּראָצענט אָדער צוויי פּראָצענט פון דער גאַנצער טראַנזאַקציע. אין דעם פאַל, האָט דער קונה (וועלכער האָט זייער געוואָלט קויפן דעם 'נוירסינג האָום'), איהם געזאָגט, אַז וויבאַלד עס איז נאָך דאָ סאַך אַרבעט, צוליב די שוועריגקייטן צו באַקומען די נויטיגע באַשטעטיגונגען און דאָקומענטן, וועט ער איהם געבן פינף פּראָצענט פון גאַנצן מקח, אויב ער וועט איהם אַלעס ערלעדיגן און צושטעלן די נויטיגע דאָקומענטן, אַז ער זאָל קענען רואיג אָפּקויפן דאָס פּלאַץ.

דער יונגערמאַן האָט שווער געאַרבעט צו ערלעדיגן אַלע באַשטעטיגונגען. דריי חדשים צייט, איז ער אַרומגעלאָפן פון איין אָפיס צום אַנדערן, ביז עס איז איהם געלונגען צו באַקומען אַלע נויטיגע פּאַפּירן. ער האָט צוזאַמענגעזעצט דעם קונה מיט דעם מוכר, און דער מקח איז צושטאַנד געקומען בשעה טובה ומוצלחת. אַ טאָג שפּעטער, האָט דער יונגערמאַן געשיקט אַ 'פאַקס' צום קונה, פאַרלאַנגענדיג די פינף פּראָצענט וואָס עס קומט איהם. יענער האָט איהם אָבער געענטפערט: להד"ם' - לא היו דברים מעולם... איך קען דיך נישט, און דו זאָלסט נישט וואַגן נאָך אַמאָל צו בעטן פון מיר דאָס געלט...

האָט דער יונגערמאַן זיך פאַרבונדן מיט זיין געוועזענעם משגיח, הרב ראָטמאַן (באַלד נאָך דעם ווי דער קונה האָט איהם אַזוי געענטפערט), מיט אַ שאלה, וואָס ער זאָל טוהן. האָט דער משגיח איהם געענטפערט אַז ער ווייסט נישט וואָס ער דאַרף טוהן, און ער האָט איהם געפרעגט וואָס ער אַליין טראַכט צו טוהן. האָט דער יונגערמאַן געענטפערט: 'איך ווייס נישט, איך וויל דאָך נישט גיין אין געריכט. האָט דער משגיח איהם געזאָגט אַז ער וועט פרעגן אַ שאלה ביי אַ רב. ער איז יענעם טאָג אַריבערגעגאַנגען צו הרב הגאון רבי נתן קופשיץ שליט"א, וועלכער וואוינט אין זיין געגנט, און ער האָט פאָרגעלייגט פאַר הרב קופשיץ די שאלה, דערציילנדיג דערביי די גאַנצע מעשה. הרב קופשיץ האָט געטראַכט אַ פּאָר מינוט, און דאַן האָט ער געזאָגט צו הרב ראָטמאַן:

- אויב דער שואל, דער יונגערמאַן, האַלט אַז ער איז אימשטאַנד מוחל צו זיין פאַר יענעם מיט'ן גאַנצן האַרצן, בתנאי אַז עס זאָל נישט איבערבלייבן אין זיין האַרץ אַפילו איין ברעקל פון תרעומות, זאָל ער איהם מוחל זיין, און כ'בין זיכער אַז מ'וועט איהם צוריקצאָלן פון הימל 'כפל כפלים'. אויב ער איז נישט גרייט דערויף, קען ער רופן דעם קונה צו אַ דין תורה ביי אַ בית דין.

אַ טאָג שפּעטער, ווען דער יונגערמאַן האָט טעלעפאָנירט צו הרב ראָטמאַן און איהם געפרעגט וואָס דער רב האָט גע'פסק'ענט, האָט דער משגיח איהם איבערגעגעבן דברים כהווייתן. האָט דער יונגערמאַן געפרעגט, 'נו, וואָס זאָל איך טוהן?'. האָט דער משגיח איהם געענטפערט:

- איך האָב דאָך דיר איבערגעגעבן דעם פּסק פון הרב קופשיץ. טראַכט אַריין אויב דו ביזט מסוגל מוחל צו זיין פאַר דעם קונה.

האָט דער יונגערמאַן געפרעגט, וואָס וואָלט דער משגיח געטוהן, אויב ער וואָלט געווען אויף מיין אָרט? האָט דער משגיח געטראַכט אַ מינוט, און איהם געענטפערט:

- איך וואָלט אַריינגעגאַנגען אין אַ ביהמ"ד, און זיך אַוועקגעזעצט מיט'ן ספר 'חובות הלבבות'. דאַן וואָלט איך זיך מתבונן געווען אין די ווערטער פון דעם 'ספר החינוך' (מצוה רמא) וואָס ער שרייבט, 'מיד אדם מיד איש לא יהיה דבר בלתי רצון הבורא ברוך הוא'. דאַן וואָלט איך זיך אַליין נאָכקאָנטראָלירט, צו זעהן אויב איך וואָלט געקענט פועל'ן ביי זיך איז גוט, און אויב נישט, וועל איך רופן דעם קונה צו דין תורה ביי אַ בית דין.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט דער יונגערמאַן טעלעפאָנירט צו דעם משגיח און איהם געזאָגט: איך וויל איבערגעבן פאַר אייך די בשורה, אַז איך האָב, ברוך השם, מצליח געווען. האָט דער משגיח איהם געפרעגט, 'אין וואָס איז באַשטאַנען דיין הצלחה?'. האָט דער יונגערמאַן געענטפערט, **'איך האָב באַשלאָסן מוותר צו זיין מיט'ן גאַנצן האַרץ**, ווייל איך גלייב באמונה שלימה אין די ווערטער פון חז"ל, 'אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו אפילו כמלוא נימא'.

וויניגער ווי דריי וואָכן שפּעטער, האָט דער יונגערמאַן טעלעפאָנירט צו דעם משגיח, און איהם געזאָגט: עטליכע מינוט צוריק, האָב איך געענדיגט אַ געשעפט פון **אַ גאַנצע גאַס** (נישט בלויז איין בנין), און **איך האָב, ברוך השם, פאַרדינט דריי מאָל אַזוי פיל, ווי איך וואָלט פאַרדינט ביי דעם געשעפט מיט'ן 'נוירסינג האָום'**... און נישט נאָר דאָס, נאָר דאָרט האָב איך זיך געפּלאָגט דערויף גאַנצע דריי חדשים, און דאָ האָב איך געאַרבעט נאָר דריי וואָכן, און איך האָב פאַרדינט אַ דרייפאַכיגן סכום.

אַ איד אַ תלמיד חכם, האָט צוגעשטעלט אַ מקור פאַר די ווערטער פון הג"ר נתן קופשיץ שליט"א, פון די ווערטער וואָס עס שרייבט דער הייליגער בעל 'חפץ חיים' זי"ע ('שמירת הלשון', שער התבונה, פי"א), אַ משל, אַ טאַטע האָט געטיילט דאָס עסן פאַר זיינע קינדער ביי די סעודה. איינער פון די קינדער האָט צוגעכאַפּט פון זיין ברודער די פּאָרציע וואָס ער האָט באַקומען פונעם טאַטן. וועט דער טאַטע זיי לאָזן זיך אַרומשלאָגן צווישן זיך, זאָלן זיי זיך אַליין 'אַן עצה געבן' צווישן זיך... אָבער אויב דאָס באַ'גנב'עטע קינד וועט זיך ווענדן צום טאַטן און איהם זאָגן, טאַטי, מיין ברודער האָט אַוועקגענומען מיין פּאָרציע, אָבער איך וויל זיך נישט קריגן מיט איהם, ווייל דו ווילסט

**מורא'דיגע** ווערטער שרייבט דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע ('אלון בכות', איכה ג, ל) אויפ'ן פסוק (תהלים ד, ה-ו) 'ודומו סלה, זבחו זבחי צדק' וגו'. עס איז ידוע אַז איינער וואָס פאַרשעמט זיין חבר ברבים, ווערט איהם גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט ח"ו פאַרגאָסן יענעמ'ס בלוט. 'אזיל סומקא ואתא חיוורא' - עס גייט אַוועק דער רויטער קאָליר פון זיין פּנים, און דאָס פּנים באַקומט אַ ווייסן קאָליר (פון די בושה). דער פאַרשעמטער, ווען ער הערט זיין בזיון און ער ענטפערט נישט דערויף, ער נעמט עס אָן מיט ליבשאַפט, איז זיין בלוט לרצון פאַר דעם אויבערשטען, גלייך אַזוי ווי מ'וואָלט געשפּריצט זיין בלוט אויף דעם מזבח. דאָס איז דער גרעסטער אופן פון באַזיגן דעם יצר הרע[יב].

**אויף** דעם זאָגט דער פּסוק, 'ודומו סלה'. דאָס מיינט, מ'טוט איהם פאַרשעמען און ער נעמט עס אָן מיט ליבשאַפט און ער שווייגט, איז עס אַ בחינה פון אַ קרבן. 'זבחו זבחי צדק'.

**רב לך שבת - די גרויסע קדושה פון 'שבת חזון'**

**דער** הייליגער 'קדושת לוי' זי"ע זאָגט (איכה, ד"ה 'ואומר אבד נצחי'), אַ טעם פאַרוואָס דער שבת פאַר תשעה

---

דאָך נישט אַז מיר זאָלן זיך אַרומשלאָגן... וועט דער טאַטע איהם ענטפערן, פאַר דיין ברודער וואָס האָט צוגענומען זיין פאַרציע, וועט ביי דער קומענדיגער סעודה, גאָרנישט באַקומען פון מיר, און דעמאָלס וועל איך דיר משלים זיין די פאָרציע וואָס ער האָט צוגעכאַפּט פון דיר. דאָס קומענדיגע מאָל, וועסטו באַקומען אַ דאָפּלטע פאָרציע...

זעהען מיר פון די ווערטער פונעם 'חפץ חיים', אַז אַ איד וואָס לעבט מיט אמונה, און ער ווייסט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס 'גיט', און ער איז דער וואָס 'נעמט', וועט קיינמאָל נישט פיינט האָבן זיין חבר, ווייל ער ווייסט דאָך אַז קיינער קען איהם נישט גורם זיין אַ שאָדן. אדרבה, אין דעם זכות וועט ער באַקומען פונעם באַשעפער אַ דאָפּלטן שכר.

**יב.** לעצטענס האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון קרית יואל יצ"ו, וואו מ'שרייבט צו אונז די פאָלגענדע פאַסירונג:

ווי באַקאַנט, איז איינגעפירט אין אַמעריקע, אַז די ישיבה-בחורים פאַרברענגען די זומער-חדשים תמוז און אב אין קעמפּ. אין די ישיבה וואו מיין זון לערנט, איז אָבער נישט אַזוי, ווייל די ישיבת אין קרית יואל פאָרן אַרויס אין אַ 'קעמפּ' נאָר אויף צען טעג סוף חודש סיון, כדי צו געבן פאַר די בחורים אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורוהען אַביסל.

**היי יאָר**, זענען די בחורים פון די ישיבה קטנה אַרויסגעפאָרן אויף צען טעג, פון זונטאָג פּרשת בהעלותך, ביז מיטוואָך פּרשת שלח. פאַר'ן אַרויספאָרן אין קעמפּ, האָט די הנהלה פון די ישיבה געזאָגט פאַר די בחורים, אַז יעדער בחור זאָל אויפשרייבן אויף אַ צעטל דעם נאָמען פון אַ בחור מיט וועמען ער וויל שלאָפן צוזאַמען אין קעמפּ. אַזוי קען מען מסדר זיין אַלע שלאָף-צימערן פאַר די צופרידנהייט פון די תלמידים.

אסרו חג פון יום טוב שבועות, האָט מען אויפגעהאָנגען אין ישיבה אַ צעטל מיט די ליסטע פון די צימערן, און מיין זון האָט געזעהן אַז אַ געוויסער בחור וועט זיין צוזאַמען מיט איהם אין איין צימער במשך די צען טעג אין קעמפּ, לויט'ן פאַרלאַנג פון יענעם בחור. ליידער, איז אָבער יענער בחור נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר זיין זון (אדרבה, פאַרקערט, ודי למבין), און ס'איז פאַר איהם געווען זייער שווער. ער האָט אָבער באַשלאָסן נישט צו מאַכן אַ מחלוקת, און ער האָט מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען, אַז דער זכות פון זיין וותרנות זאָל ער זוכה זיין צו זעהן די ישועה פון הימל, אַז זיין 22 יעריגער ברודער זאָל טרעפן זיין זיווג נאָך אין דער צייט ווען ער וועט פאַרברענגען אין קעמפּ, און זיין שוועסטער, די קומענדיגע אין דער רייע, וועלכע איז שוין אויך 21 יאָר, זאָל ווערן אַ כלה ביז 40 טעג.

למעשה, האָבן זיינע חששות זיך אַרויסגעשטעלט פאַר ריכטיג. דער בחור, זיין שותף אינעם שלאָף-צימער, האָט איהם גורם געווען אַסאַך עגמת נפש, אָבער ער האָט געשוויגן, מוותר געווען, און נאָך אַמאָל מוותר געווען... און ער האָט קיינעם נישט דערציילט וואָס ער לעבט איבער.

**זיין תפילה און זיין וותרנות האָבן גע'פועל'ט: זיין ברודער איז אַ חתן געוואָרן בשעה טובה ומוצלחת, דינסטאָג פּרשת שלח, ווען ער איז נאָך געווען אין קעמפּ, און די שוועסטער האָט 'געבראָכן טעלער' בשעה טובה ומוצלחת, י"ח תמוז - געגוי אינעם פערציגסטן טאָג פון 'אסרו חג' פון יום טוב שבועות, ווען ער האָט געגומען אויף זיך די קבלה...**

און פאָלגענדע, איז נאָך אַ מעשה נורא וואָס מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ יונגערמאַן פון ביתר יצ"ו. פרייטאָג פּרשת בלק תשפ"ה, האָט ער געדאַווענט שחרית אין די 'שטיבלעך' (באַקאַנט אַלס 'קארו'). אינמיטן

דאַווענען איז אַרומגעגאַנגען דער גבאי צדקה פון די שטאָטישע איינוואוינער. בשעת מעשה האָט דער יונגערמאַן געשפירט אַ התעוררות פון הימל צו געבן אַ שיינע נדבה, און ער האָט טאַקע דערלאַנגט פאַר דעם גבאי צדקה 100 שקלים - אַ נתינה וואָס איז פיל מער ווי זיינע מעגליכקייטן (און בכלל, גיט מען נישט אַזעלכע נתינות אין די 'שטיבלער').

ווען דער יונגערמאַן איז אַהיימגעקומען, האָט ער געזעהן צו זיין שטוינונג זיין קליין מיידעלע, ווי זי האַלט אַ שאַרפן מעסער אין האַנט...די מאַמע האָט באַלד געזאָגט צו דעם קינד זי זאָל איר דערלאַנגען דעם מעסער, און צום גרויסן מזל, און וואונדער פון ביידע עלטערן, האָט דאָס יונגע קינד געפאָלגט איר האַנט, און עס געגעבן פאַר די מאַמע (זיך נישט איינשפאַרנדיג עס דווקא יאָ צו האַלטן ווייטער אין האַנט, ווי ס'איז די סדר ביי אַזעלכע יונגע קינדער), און ברוך השם, עס האָט מיט איר גאָרנישט פּאַסירט. ער האָט געזעהן בחוש ווי עס ווערט מקוים דער פסוק (משלי י, ב) 'וצדקה תציל ממות'...

באמת, שטייט קלאָר אין זוהר הקדוש (ח"א, קד.) רבי אלעזר האָט געזאָגט, בא וראה, ווי ווייט דער אויבערשטער טוט חסדים מיט אַלע באַשעפענישן, און אַוודאי מיט די מענטשן וואָס פירן זיך אויף זיינע וועגן. אַפילו אין אַ צייט ווען ער טוט משפּט'ן די וועלט, איז ער גורם פאַר דעם מענטש וואָס ער האָט איהם ליב, ער זאָל באַצייטענס זוכה זיין בדין דורך דעם וואָס **ער שיקט איהם אַ 'מתנה', אַן אָרימאַן וואָס איז איהם מזכה מיט די מצוה פון צדקה**, און ער איז גורם ער זאָל זוכה זיין בדין.

## מן הבאר

עס דערציילט הרה"ח ר' שלום אליעזר פרענקל, אַז דער פשעוואָרסקער רבי, הרה"ק רבי יאַנקעלע זי"ע, איז אין זיינע לעצטע יאָרן אויף דער וועלט געווען זייער שוואַך. איינמאָל אין אַ תשעה באב נאָכמיטאָג, האָט טעלעפאָנירט צום רבין'ס הויז אַ איד, אַן איש מכובד, און געבעטן צו רעדן מיט'ן רבי'ן. האָבן די משמשים איהם געזאָגט אַז דער רבי איז אָפּגעשוואַכט, ער פאַסט דאָך נאָך כדת היום. דער איד האָט אָבער נישט געוואָלט וויסן פון קיין תירוצים, און ער האָט זיך איינגעעקשנ'ט אַז ער מוז רעדן מיט'ן רבי'ן תיכף ומיד. ער האָט אַ וויכטיגע זאַך צו פרעגן דעם רבי'ן, און עס האַנדלט זיך ממש אין אַן ענין פון 'פיקוח נפש'. האָט מען איהם געזאָגט, אַז דער רבי האָט זיך צוגעלעהנט, אָבער דער פאַרשוין האָט געפאָדערט אויסדריקלעך מ'זאָל אויפוועקן דעם רבי'ן, און איהם זאָגן אַז ער דאַרף רעדן מיט'ן רבי'ן וועגן אַן ענין פון 'פיקוח נפש'.

בלית ברירה האָט דער משמש אויפגעוועקט דעם פשעוואָרסקער רבי'ן. דער רבי האָט גענומען אין האַנט דעם טעלעפאָן, און געזאָגט: 'יאָ...', האָט דער איד געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט פרעגן דעם רבי'ן, היות דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט אַז נאָר אויב ער שפּירט אַז ער איז בכח צו פאַסטן ביז'ן סוף פונעם תענית, מעג ער פאַסטן, און אַז נישט, טאָר ער נישט פאַסטן. וויל ער אַלזאָ וויסן וואָס ער זאָל טוהן... האָט דער רבי איהם געהייסן טוהן אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט, און ער האָט אַראָפּגעלייגט דעם טעלעפאָן.

דאָס האָט זייער שטאַרק פאַרדראָסן פאַר די גבאים, און איינער פון זיי האָט זיך אָפּגערעדט אויף דעם וואָס יענער האָט פאַר אַזאַ שאלה מטריח געווען דעם רבי'ן וועלכער איז שוין אַלט און שוואַך, איהם אויפצואוועקן פון שלאָף, און נאָך דערצו אינמיטן דעם תענית. האָט הרה"ק רבי יאַנקעלע זי"ע איהם געזאָגט:

**- איך בין בכלל נישט אין כעס אויף דעם איד. אויך בין איך נישט ברוגז אויף דעם משמש וואָס האָט מיך אויפגעוועקט, ווייל איך ווייס אַז פון הימל האָט מען געוואָלט אויספּרובירן די 'מדות' פון יאַנקעלע לייזער, צי ער וועט זיך בייזערן, אָדער נישט... ממילא, זענט איר נישט שולדיג, ווייל נישט אייך האָט מען דאָ געמיינט. מ'האָט געמיינט נאָר מיך...**

דאָס מיינט, אַז בשעת דעם נסיון האָט דער פשעוואָרסקער רבי געדענקט, אַז דאָס איז נישט נאָר סתם אַ 'שגעון' פון יענעם 'איש מכובד', נאָר אדרבה, דער אויבערשטער האָט איהם אַריינגעגעבן דעם 'שגעון' אין קאָפּ, כדי איהם אויסצופּרובן... (ספר 'זקניך ויאמרו לך')

נאָך אַ מעשה האָבן מיר געהערט פון אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה וואָס וואוינט אויך אין ביתר, אַז צוויי וואָכן צוריק, איז ער געפאָרן שפּעט ביינאַכט מיט זיין משפחה זיך אָפּצורוהען עטליכע טעג אין דעם דאָרף 'אור

באב ווערט אָנגערופן 'שבת חזון', ווייל דאָס וואָרט 'חזון' איז פון לשון זעהן. דער אויבערשטער ווייזט פאַר אידישע קינדער אַלע גוטע זאַכן צו וועלכע זיי וועלן זוכה זיין לעתיד לבא״.

---

הגנוז', אין גליל העליון. פאָרנדיג אויפ'ן וועג, וואָס פירט צו דעם ישוב 'אור הגנוז', האָט ער באַמערקט אַ איד גיין צופוס, און וויבאַלד ס'איז נאָך געווען היבש ווייט ביז צום ישוב 'אור הגנוז', האָט ער זיך דערבאַרימט אויף דעם איד, און ער האָט איהם געוואָלט געבן אַ 'טרעמפּ' מיט'ן קאַר. דער קאַר איז אָבער געווען איבערגעפילט, ווייל זיינע קינדער זענען געזעסן פון אונטן, און ער האָט נישט געקענט אַוועקזעצן דאָרט דעם איד. זיין גוטהאַרציגקייט האָט איהם אָבער נישט ערלויבט צו לאָזן דעם איד גיין צופוס, האָט ער איהם געפרעגט אויב ער קען 'דרייוון' אַ קאַר. האָט דער איד געענטפערט, אַז יאָ. האָט ער געזאָגט פאַר דעם איד, אויב אַזוי, וועל איך זיך זעצן אויפ'ן אונטערשטען זיץ, און איר וועט פירן די קאַר, און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטוהן.

אָנקומענדיג צום אריינגאנג פונעם דאָרף, האָט דער בעה"ב פונעם קאַר זיך דערמאַנט אַז אין אַזאַ שפּעטע נאַכט-שעה איז דער דאָרף פאַרמאַכט מיט אַן עלעקטרישן טויער, און ווי אַזוי, וועט ער יעצט קענען דאָרט אַריינגיין... האָט דער 'דרייווער', זיין גאַסט, איהם געזאָגט: עמיצער וואַרט מיך אָפּ דאָ אינעם דאָרף, און ער וועט פאַר מיר עפענען דעם טויער...

האָט דער יונגערמאַן געזעהן בחוש, ווי **אַלעס וואָס דער מענטש טוט, טוט ער נאָר פאַר זיך.** לכתחילה האָט זיך איהם אפשר געדאַכט, אַז ער טוט אַ טובה פאַר יענעם איד, אָבער עטליכע מינוט שפּעטער האָט זיך איהם אַרויסגעשטעלט אַז ער האָט גאָר געטוהן אַ טובה פאַר זיך אַליין...

מ'האָט אַמאָל געבעטן אַ געוויסן עסקן זיך אַריינצוטוהן אין אַ שווערן פאַל און זעהן אַרויסצוהעלפן אַ איד אין זיין צרה ל"ע. וויבאַלד ס'איז געווען זייער שווער פאַר דעם עסקן זיך צו באַשעפטיגן דערמיט, האָט ער געפרעגט הרה"צ רבי אשר פריינד זצ"ל, אויב ער דאַרף זיין דער 'קרבן' אָפּצוגעבן זיך מיט דעם פאַל... האָט רבי אשר איהם געענטפערט:

**- נישט דו ביזט דער 'קרבן', נאָר דו דאַרפסט האָבן אַ געוויסן 'תיקון', און יענער וואָס געפינט זיך אין די צרה איז דער 'קרבן'...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, פון הימל פאַרלאַנגט מען פון דיר אַז דו זאָלסט העלפן פאַר אַנדערע אידן כדי צו פאַרעכטן דיין אייגענעם נפש און נשמה. ס'איז נאָר ליידער נגזר געוואָרן אויף יענעם באַטריבטן און צובראָכענעם איד צו זיין דער 'קרבן', **כדי דו זאָלסט האָבן וועמען צוהעלפן**, און אַזוי וועסטו אָנקומען צו דיין תיקון הנפש...

**יג.** עס ווערט טאַקע געברענגט אין נאָמען פון הייליגן באַרדיטשובער רב זי"ע (דרושי צמח צדק למגילת איכה, וואָס ער האָט עס געהערט פון זיין טאַטן, אין נאָמען פון דעם באַרדיטשובער רב זי"ע, ווען ער איז געווען אויף שבת אין דער שטאָט בראהין), אַז ער האָט געזאָגט אַ משל: אַ קעניג האָט געלאָזט אויפנייען פאַר זיין זון אַ טייערן שיינעם אנצוג. דער זון האָט אָבער נישט געהאַט גענוג שכל אָפּצושאַצן די חשיבות פון דעם קלייד, און ער האָט נישט אַכטונג געגעבן דערויף ווי ס'דאַרף צו זיין. דאָס קלייד איז געוואָרן צעריסן אויף מערערע שטיקער. האָט דער קעניג ווידעראַמאָל געלאָזט אויפנייען אַ נייעם בגד פאַר זיין זון, אָבער דאָס קינד האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט גענוג שכל צו פאַרשטיין די חשיבות פון דעם נייעם בגד, האָט ער עס ווייטער נישט אָפּגעהיטן, און עס האָט זיך צעריסן, אַזוי ווי פריער.

וואָס האָט דער קעניג געטוהן? מיט זיין רחמנות אויף זיין קינד, האָט ער געלאָזט אויפנייען אַ בגד צום דריטן מאָל, אָבער דאָס מאָל האָט ער עס נישט געגעבן פאַר דעם זון, נאָר ער האָט עס אויפגעהאָנגען אין אַן אָפּגעהיטענעם אָרט. פון צייט צו צייט האָט ער צוגערופן זיין זון און איהם געזאָגט: זעה, מיין קינד, דאָס קלייד איז אָנגעגרייט פאַר דיר. דו וועסט עס אָבער נישט באַקומען ביז דו וועסט זיך אויסלערנען צו היטן עס געהעריג. דאַן וועל איך דיר שענקען דעם שיינעם אנצוג.

דער נמשל איז, דער אויבערשטער האָט אויפגעבויט פאַר אונז דעם בית המקדש, אָבער ס'איז ליידער חרוב געוואָרן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, ווייל מיר האָבן זיך נישט געהיטן נישט זיך צו פאַרשמירן מיט עבירות. האָט דער אויבערשטער צוגעגרייט פאַר אונז אַ בית המקדש צום דריטן מאָל, אָבער ער האָט עס אונז נאָך נישט געגעבן, און **יעדעס יאָר אין שבת חזון, טוט דער אויבערשטער אויסרופן צו אונז, און ער ווייזט אונז: זעהט נאָר דעם דריטן בית המקדש, ווי עס שטייט גרייט אַראָפּצוקומען אויף דער וועלט מיט אַ פייער פון הימל. עס ליגט אָבער אין**

**דער** אַפטער רב זי"ע זאָגט (׳אוהב ישראל׳, לשבת חזון) אַז שבת חזון איז גרעסער ווי אַלע אַנדערע שבתים איבער'ן יאָר[יד].

**דער** אמת איז, אַז יעדן שבת ווערט נתעורר די ליבשאַפט פון דעם אויבערשטען צו אידישע קינדער. דעמאָלס רוהט זיין הייליגע שכינה נאָך מער אויף זיי, אין יעדן מצב וואָס זיי געפינען זיך.

**די** גמרא זאגט (יומא נד:) אַז ווען די שונאים זענען אַריינגעקומען אין היכל און חרוב געמאכט דעם ביהמ"ק, האָבן זיי געזעהן ווי די ׳כרובים׳ נעמען אַרום איינער דעם אַנדערן.

**פרעגן** די ראשונים (ר"י מיגאש, ריטב"א ב"ב צט., און אַנדערע ראשונים), די גמרא זאָגט דאָך (ב"ב צט.) אַז די כרובים זענען געשטאַנען מיט'ן פנים איינער צום אַנדערן, נאָר אין אַ צייט ווען די אידן האָבן געטוהן דעם אויבערשטען'ס רצון, אָבער ווען זיי האָבן נישט געטוהן זיין רצון, איז דאָס פנים פון די כרובים געווען געוואָנדן צו די וואַנט פונעם בית המקדש. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָבן די כרובים אַרומגענומען איינער דעם צווייטן, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן?

**ענטפערט** דער גאון רבי יהונתן אייבעשיץ זי"ע (׳יערות דבש׳, ח"א, דרוש יג), לויט ווי עס שטייט אין ירושלמי (תענית פ"ד, ה"ה) אַז ביי דעם ערשטן בית המקדש, איז די מויער פון דער שטאָט ירושלים געשפּאָלטן געוואָרן ט׳ תמוז, און דער חורבן הבית האָט פּאַסירט א׳ אב (21 טעג שפּעטער), און מיר ווייסן דאָך אַז יענעם יאָר איז תשעה באב געווען זונטאָג (תענית כט.). קומט אויס, אַז דער ערשטער טאָג פון חודש אב איז געווען בעצם יום השבת. צוליב דעם האָבן די ׳כרובים׳ אַרומגענומען איינער דעם אַנדערן, ווייל אין שבת ווייזט דער באַשעפער זיין גרויסע חביבות פאַר די אידן, אפילו אויב זיי טוהן נישט זיין רצון[טו].

**לויט** דעם, טייטשט דער רבי ר׳ יהונתן די ווערטער פון חז"ל ׳מעולם לא זזה שכינה מישראל, אפילו בשבתות של חול׳. פרעגן די מפרשים, וואָס באַדייטן די ווערטער ׳שבתות של חול׳.

**זאָגט** דער רבי ר׳ יהונתן, אַז די כוונה איז, די שבתים וואָס מ'טוט פאַרשוועכן ח"ו, מ'פירט זיך אין זיי מיט אַ ׳מנהג של חול׳. פונדעסטוועגן, טוט די שכינה הקדושה זיך נישט אַוועקרירן פון די אידן, אויך אין אַזעלכע שבתים.

**עם** שטייט אין ספה"ק ׳שם משמואל׳ (פ׳ מסעי, שנת עת"ר) אין נאָמען פונעם ׳יוד הקדוש׳ זי"ע, אַז די שבתים פון ׳בין המצרים׳ (און נאָך מער שבת חזון - זעה ׳שפתי צדיק׳, ועוד), איז דער גאַנצער ׳מעת לעת׳ אַ בחינה פון ׳רעוא דרעוין׳. (דאָס מיינט, עס איז אַן ׳עת רצון׳, אַזוי ווי יעדע וואָך ביי שלש סעודות). יעדן טאָג פון דער וואָך, טוהען זיך אין דער צייט פון תפילת מנחה שטאַרקן די דינים ח"ו. דאַקעגן אין דער זעלבער צייט אין שבת, ווערן די דינים נמתק דורך די קדושה פון שבת, און ווען מדת הדין ווערט איבערגעדרייט צו רחמים, איז אַ גרויסער ׳עת רצון׳, און אַ צייט פון רחמים. אויף יענע צייט שטייט דאָס לשון ׳רעוא דרעוין אשתכח׳.

**לויט** דעם, קען מען זאָגן ווענגן די טעג פון ׳בין המצרים׳, וואָס אינדערוואָכן איז דאָך דער גאַנצער טאָג (נישט נאָר ביי מנחה) אַ צייט פון ווייטאָג ח"ו, ממילא, ווען עס קומט דער הייליגער שבת, ׳באה שבת, באה מנוחה׳, און דער באַשעפער טוט דעמאָלס אויסשפּרייטן אויף דער גאַנצער וועלט זיין סוכה פון רחמים, און עס ווערט נמתק די דינים וואָס הערשן ליידער אין די ניין טעג.

---

**אייערע הענט.** ׳שובו אלי, ואשובה אליכם׳. אויב איר וועט אויפהערן צו פאַרפלעקן אייערע נשמות מיט שלעכטע מעשים, און איר וועט זיך אָפּהיטן נישט צו זינדיגן ח"ו, וועל איך תיכף ומיד אַראָפּברענגען פאַר אייך דעם בית המקדש פון הימל במהרה בימינו, אמן.

**יד.** די באַבוב'ער רבי'ס פלעגן זאָגן, אַז **שבת חזון זאָל מען זעהן צו מאכן ׳תוספת שבת׳**, ווייל מיט דעם טוט מען צונעמען פון דעם טרויער פון די ׳ניין טעג׳ פאַר דעם שבת, און עס ווערט מקוים ׳ונס יגון ואנחה׳.

**טו.** אַזוי שרייבט דער רמב"ן ז"ל (במדבר כח, ב) אַז ביי די קרבנות מוסף וואָס מ'האָט מקריב געווען אין די שבתים, איז נישט געווען אַ קרבן חטאת אַזוי ווי ביי די אַנדערע מוספים, ווייל **כנסת ישראל איז דער ׳בת זוג׳ פונעם שבת:** ׳והכל שלום, והמשכיל יבין׳, עכ"ל.

דער גאנצער שבת איז אַ בחינה פון 'המתקת הדינים', און התעוררות פון רחמים. עס איז בלויז 'רעוא דרעוין'.

**על אלה אני בוכי' - וויינען און קלאגן אויף חורבן הבית און גלות ישראל**

**די** ספרים הקדושים שילדערן דעם גרויסן צער וואָס דער אויבערשטער כביכול האָט פון דעם וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, ווי די גמרא זאָגט (ברכות ג.) 'מה לו לאב שהגלה את בניו, ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם', און ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כב, יב) 'ויקרא ה' אלקים צבקות לבכי ולמספד ולקרחה ולחגור שק'.

**אויך** זאָגט די גמרא (חגיגה ה:) אויפ'ן פסוק (ירמיה יג, יז) 'ודמוע תדמע ותרד עיני דמעה כי נשבה עדר ה'. רבי אלעזר האָט געזאָגט, פאַרוואָס ווערן דאָ דערמאָנט דריי 'דמעות'. איין טרער איז אויף איין בית המקדש, דער צווייטער טרער איז אויפ'ן צווייטן בית המקדש, און דער דריטער טרער איז אויף דעם וואָס די אידן זענען ליידער פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. און די גמרא פירט דאָרט אויס: 'שאני חורבן בית המקדש, דאפילו מלאכי השלום בכו'. דער חורבן פון בית המקדש איז אַנדערש, ווייל אַפילו די מלאכי השלום אין הימל האָבן דעמאָלס געוויינט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה לג, ז) 'הן אראלים צעקו חוצה, מלאכי שלום מר יבכיון'.

**דער** מדרש דערציילט (איכ"ר פתיחתא, כד) ווען דעם גרויסן צער וואָס מ'שפירט אין הימל, פחד'יגע ווערטער וואָס צוברעכן יעדעס האַרץ: אין די צייט וואָס די גוים האָבן חרוב געמאַכט דעם ביהמ"ק, האָט דער אויבערשטער כביכול געוויינט און געזאָגט, ווי איז מיר, וואָס האָב איך געטוהן. איך האָב געמאַכט רוהען מיין שכינה צוליב די אידן, און יעצט, אַז זיי האָבן געזינדיגט איז עס צוריקגעגאַנגען צו איר פריערדיגן אָרט. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו די מלאכים: קומט, לאָמיר גיין, און מיר וועלן זעהן אין מיין הויז, וואָס די שונאים האָבן דאָרט געטוהן. איז דער אויבערשטער געגאַנגען מיט די מלאכים, און ירמיה הנביא איז געגאַנגען פאָראויס.

**ווען** דער אויבערשטער האָט געזעהן דעם בית המקדש, האָט ער געזאָגט, דאָס איז אַוודאי מיין הויז און מיין רוה-אָרט, וואָס די גוים זענען געקומען און האָבן דאָרט געטוהן וואָס זייער האַרץ האָט געגליסט. דעמאָלס האָט דער אויבערשטער געוויינט און געזאָגט, ווי איז מיר אויף מיין הויז. מיינע קינדער, וואו זענט איר? מיינע כהנים, וואו זענט איר? מיינע גוטע פריינט, וואו זענט איר[טז]? וואָס זאָל איך טוהן, איך האָב דאָך אייך געוואָרנט, אָבער איר האָט נישט תשובה געטוהן, וכו'.

**יעדעס** יאָר ווערט באַנייט דער צער און דער געוויין אין הימל, ווי דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע שרייבט ('דרוש ליום ז' אב שנת תקס"ם, ע' שז), ס'איז ידוע אַז

---

**טז.** אין די קינות פון תשעה באב, באַוויינען מיר דעם אומקום פון די צדיקים, און דאָס פריצייטיגע פטירה רח"ל פון יונגע קינדער.

מיר האָבן ערשט געלייענט אין פרשת פנחס, דעם פסוק (במדבר כח, ב) 'את קרבני לחמי לאשי, ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו'.

הרה"ק רבי שלמה ממונקאַטש זי"ע, בעל 'שם שלמה', איז נסתלק געוואָרן כ"א סיון שנת תרנ"ג, אין עלטער פון בלויז 61 יאָר. ביי זיין הספד ביי די לוי', האָט זיין זון, הרה"ק רבי צבי הירש זי"ע, דער בעל 'דרכי תשובה', געזאָגט: די גמרא זאָגט (מנחות קי.) אַז מיכאל, דער 'שר הגדול', שטייט און איז מקריב קרבנות אויפ'ן מזבח (אויך בזמן הזה). זאָגט דאָרט תוספות (ד"ה 'מיכאל'), 'יש מי שאומר' - ס'זענען דאָ וואָס זאָגן אַז **מיכאל ברענגט אַלס קרבן די נשמות פון די צדיקים**.

האָט דער 'דרכי תשובה' געזאָגט: דער מלאך מיכאל איז מקריב די נשמות פון די צדיקים אויף דעם מזבח, ווייל זיי ווערן אַ כפרה אויף גאַנץ כלל ישראל. אָבער דער אויבערשטער בעט אונז אַז מיר זאָלן תשובה טוהן, און ממילא, אויך אויב עס דאַרף זיין '**קרבני לחמי לאשי**' - 'מיינע מענטשן' ('אשי' קען אויך באַדייטן מיינע מענטשן), דאָס הייסט, פון די צדיקים. '**תשמרו**' - זאָלט איר היטן און אַכטונג געבן, אַז דאָס זאָל פאַסירן (זייער קרבן) נאָר '**במועדו**' - אין זיין צייט. די צדיקים זאָלן נישט נסתלק ווערן, זיי זאָלן נישט געברענגט ווערן אַלס אַ קרבן ח"ו, פאַר דער צייט (ספר 'תפארת בנים', פ' פנחס).

יאָרן שפּעטער, ט"ו תמוז שנת תרפ"ט, איז נסתלק געוואָרן הרה"ק רבי יעקב משה מקאַמאַרנא זי"ע, באַקאַנט אַלס 'רבי יאַנקעלע קאַמאַרנער', זייענדיג בלויז 68 יאָר אַלט. אין דעם הספד וואָס זיין איידים, הרה"ק בעל 'מנחת

אלעזר' זי"ע, האָט געהאַלטן אויף זיין שוועה, הרה"ק רבי יאַנקעלע קאַמאַרנער, האָט ער איבערגעזאָגט דאָס וואָרט וואָס זיין טאַטע, דער 'דרכי תשובה', האָט געזאָגט אין זיין הספד מיט מער ווי 35 יאָר פריער, אויף זיין טאַטן, דעם 'שם שלמה', אַז די הסתלקות פון די צדיקים זאָל זיין 'במועדו' - אין זיין צייט, נישט פריער.

ביים הספד, האָט דער גאַנצער עולם אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און דער מונקאַטשער רב האָט געזאָגט: 'די דאָזיגע טרערן זאָלן זיין אַזוי ווי די '**נסכים**' וואָס מ'ברענגט מיט יעדן קרבן, און זיי זאָלן אַרויפגיין לרצון פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא.

חז"ל זאָגן (ר"ה יח:) 'שקולה מיתתן של צדיקים כשריפת בית אלוקינו'. אויך איז באַקאַנט וואָס חז"ל דרש'ענען אויפ'ן פסוק (דברים כח, סא) 'גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזה', אַז מיתת צדיקים איז אַ 'מכה אשר לא כתובה בתורה'. דאַרפן מיר אויך קלאָגן אויף 'מיתת צדיקים' - אידישע בחורים וואָס זייער 'צדקות' איז ליידער 'געשטאָרבן', און זיי זענען געפאַלן מיט איין ירידה נאָך די אַנדערע רח"ל. וויפיל אידישע הייזער זענען חרוב געוואָרן צוליב די פאַרשאָלטענע כלים ל"ע. 'על אלה אני בוכי', מאנה להתנחם', ביז די קינדער וועלן צוריקקומען צום ערליכן אידישן וועג.

דער חורבן הבית איז דאָך געקומען מכפר צו זיין אויף די עבירות פון אידישע קינדער, ווי דער מדרש זאָגט (תנחומא פרשת פקודי) אויפ'ן פסוק 'אלה פקודי **המשכן משכן** העדות'. דאָס וואָרט 'משכן' ווערט דאָ דערמאנט צוויי מאָל אין פסוק, מרמז צו זיין אויף דעם בית המקדש וואָס איז 'פאַר'משכונ'ט' געוואָרן צוויי מאָל צוליב די אידישע עבירות. **אָבער יעצט, אַז דער בית המקדש איז ליידער חרוב און מיר האָבן נישט וואו צו ברענגען קרבנות כדי מכפר צו זיין אויף די עבירות, קומען ליידער צרות און יסורים ל"ע.**

מיר דאַרפן טאַקע אַסאַך וויינען און קלאָגן אויף די חורבנות און צרות ישראל וואָס באַנייען זיך ליידער, אויסער די אומגליקן בכלליות ביי כלל ישראל, ליידט מען דאָך ליידער אַזוי פיל צרות בפרטיות, ה' ירחם.

'ראה ה' והביטה למי עוללתה כה'. עס איז מקוים געוואָרן ביי אונז מעין פון דעם פסוק (איכה ב, ו) 'שכח ה' בציון מועד ושבת'. אינגעלייטלעך קענען ליידער נישט זיצן ביים שבת-טיש אין זייער היים, ווייל זיי ליגן נעבעך קראַנק אין בעט רח"ל. אויב לו לאב שגלה מעל שולחן... אַ אינגערמאַן וועלכער האָט נעבעך אַסאַך מיטגעמאַכט, אַז ער קען שוין אַפילו נישט 'שרייען', אַז ער ווייסט נישט וועמענס צער איז גרעסער - צי זיין צער פון די יסורים ל"ע איז גרעסער פון זיינע קינדער, אָדער אפשר ליידן די קינדער מער, זעהענדיג ווי זייער טאַטע ליגט נעבעך אין אַזאַ מצב.

אויך דאַרף מען פאַרגיסן טייכן טרערן אויף דעם וואָס ס'איז מקוים געוואָרן 'שכח ה' בציון מועד ושבת', אין אידישע שטובער וואו עס פעלט נעבעך איינער פון די קינדער, צי פאַר דעם ווייל ער איז ליידער אַרויף אין 'ישיבה של מעלה', אָדער פאַר דעם ווייל ער איז ליידער אַראָפּ אין 'ישיבה של מטה', פאַלנדיג אין די אָפּגרונטן פון שאול תחתיות רח"ל. אַזעלכע שבת-טישן האָבן ליידער נישט קיין שום טעם.

'שפכי כמים לבך נוכח פני ה', שאי אליו כפייך על נפש עולליך העטופים'. וויפיל קינדער זענען היי יאָר אַריין אין די שפיטעלער ל"ע, ואוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם. **מיר דאַרפן שרייען און בעטן, 'מי שאמר לעולמו די, יאמר לצרותינו די'**, און אויב מיר געפינען זיך אין אַ מצב פון 'סכותה בענן לך מעבור תפילה', דאַרף מען מקיים זיין 'הורידי כנחל דמעה', צו פאַרגיסן טייכן טרערן ביז דער באַשעפער ברוך הוא וועט זיך דערבאַרימען אויף אונז.

'אוי להם לבנים שגלו מעל שולחן אביהם'. מיר האָבן געהערט פון אַ יונגל וואָס זיין טאַטע איז ליידער אומגעקומען על קידוש השם אין דער שטאָט אלעד, דורך מערדערישע אַראַבער ימ"ש, און דאָס קינד איז געווען צוויי וואָכן פאַר זיין בר מצוה, און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן ווי אַזוי ער וועט קענען צוגיין צו די 'בר מצוה' אָן זיין טאַטן...

**נחפשה דרכינו ונחקורה ונשובה עד ה. דער תכלית פון די צרות איז נישט אַן עונש און נקמה ח"ו, נאָר כדי מעורר צו זיין דעם מענטש תשובה צו טוהן צום באַשעפער ברוך הוא.**

דער דובנער מגיד זי"ע האָט געזאָגט אַ משל, אַ קינד איז געוואָרן נישט געזונט ל"ע. ווען זיין טאַטע האָט איהם גענומען צו פּראָפעסאָרן, האָבן אלע איהם געוואָרנט, אַז אין אַזאַ מצב דאַרף מען זייער שטאַרק היטן דאָס קינד ער זאָל נישט שלאָפן אפילו אַ רגע, ווייל עס הערשט אַ גרויסע סכנה אויב עס וועט איהם באַפאַלן אַ שלאָף, דאַן ער קען חלילה איינשלאָפן אויף אייביג רח"ל. ווען דער פאָטער האָט געהערט זייערע ווערטער, האָט ער אַוועקגענומען דעם קישן אונטער דעם קאָפּ פונעם קינד, כדי ער זאָל נישט קענען איינשלאָפן. מיט דער צייט, אָבער, האָט דאָס קינד זיך שוין צוגעוואוינט צו ליגן אָן אַ קישן, און ער איז שיער איינגעשלאָפן. האָט דער טאַטע אַוועקגענומען דאָס בעט, טראַכטנדיג אַז אַזוי וועט דאָס קינד זיכער נישט קענען שלאָפן. צום סוף האָט אָבער דאָס קינד זיך

'עוז וחדוה במקומו'. די שכינה רוהט נישט אויפ'ן מענטש אויב ער איז בעצבות. תשעה באב ווערט אָבער באַצייכנט אַלס אַ ביטערער טאָג, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה כב, יב) 'ויקרא ה' אלוקים ביום ההוא לבכי ולמספד ולקרחה', און צוליב דעם איז ריכטיג פאַר יעדן צובראָכענעם האַרץ צו וויינען און קלאָגן אין די טעג, ווען דער באַשעפער אין הימל כביכול וויינט און קלאָגט, ווייל דעמאָלס גייט דער מענטש וואָס קלאָגט אויפ'ן חורבן בית המקדש, צו אַ גאָר הויכע מדריגה, און ער הערט דאָס קול פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווי ער וויינט צוזאַמען מיט איהם", עיי"ש.

**אויף אַן אַנדער אָרט** ('דרשות חתם סופר', דרוש לז' אב שנת תקפ"ז, ע' שכו), **זאָגט דער 'חתם סופר': בײ דעם** חורבן בית המקדש, זענען פאַרגעבן געוואָרן די עבירות פון אידישע קינדער. אויך זאָגט דער מדרש (אסת"ר פתיחות, יא) אַז דער טאָג ווען ירושלים איז געפאַנגען געוואָרן איז נישט אַ צרה, נאָר אַ שמחה, ווייל יענעם טאָג איז געבוירן געוואָרן משיח, און די אידן האָבן באַצאָלט דעם 'שטר חוב' פאַר זייערע עבירות, עיי"ש.

**זאָגט אויף דעם דער 'חתם סופר': ווען נישט וואָס איך האָב מורא אַזוי צו זאָגן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער טאָג פון תשעה באב זעלבסט איז אַ פריילעכער טאָג,** ווייל דער פסוק זאָגט (איכה ד, כב) 'תם עונך בת ציון, לא יוסיף להגלותך' - דיינע עבירות, בת ציון, האָבן זיך געענדיגט, און דער אויבערשטער וועט דיך מער נישט פאַרטרייבן אין גלות. נאָר דאָס טרויערן און

צוגעוואוינט אויך צו אַזאַ מצב, צו שלאָפן אויף דער ערד. האָט דער טאַטע שוין נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, נאָר צו שלאָגן דאָס קינד כדי ער זאָל נישט קענען איינשלאָפן צוליב דעם ווייטאָג, און ווען דאָס קינד האָט זיך צוגעוואוינט אויך צו דעם, האָט דער טאַטע אים שוין געמוזט געבן גאָר שטאַרקע קלעפּ, מיט'ן ציל נאָר פאַר די טובה פונעם קינד, אַז ער זאָל נישט איינשלאָפן ווייל דאַן וועט זיין לעבן זיין אין אַ געפאַר ח"ו.

דער נמשל איז, **דער אויבערשטער שטראָפט זיינע קינדער אַז זיי זאָלן נישט אינגאַנצן איינשלאָפן אינעם 'שלאָף' פון עולם הזה... נאָר זיי זאָלן נתעורר ווערן תשובה צו טוהן,** אָבער אויב זיי פאַרשטייען נישט דעם מהות און תכלית פון די יסורים מוז דער אויבערשטער כביכול ברענגען גאָר שווערע קלעפּ רח"ל ביז אידן וועלן נתעורר ווערן מיט'ן גאַנצן האַרץ תשובה צו טוהן און זיך אומקערן צום באַשעפער, און ווען מיר וועלן נתעורר ווערן צו תשובה, וועלן די יסורים זיך זאָפאָרט אָפּשטעלן, 'ונס יגון ואנחה'.

**יז.** הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע זאָגט ('אמרי פנחס', אות שעח) אַז עס איז אַ גרויסע סכנה צו לאַכן אין תשעה באב, ווייל געוויינליך ווען אַ מענטש געפינט זיך אין קעניגליכן פּאַלאַץ גיט ער אַכטונג און ער היט זיך פון לאַכן, און אין דעם טאָג פון תשעה באב זיצט די הייליגע שכינה כביכול אויף דער ערד.

ענליכע ווערטער שרייבט ער אויף אַ צווייט אָרט (אות שפ), אַז דאָרט וואו דער אויבערשטער רוהט, דאָרט געפינען זיך אַלע מלאכים און אַלע וועלטן און ממונים. און וויבאַלד אין דעם טאָג קלאָגט די שכינה הקדושה כביכול, דעריבער, ווען דער מענטש געפינט זיך אויך אויפ'ן זעלבן אָרט, איז ער אָפּגעהיטן מיט אַ העכערע שמירה... און **דעריבער, אין תשעה באב, ווען מ'זיצט אויף דער ערד, קען מען פועל'ן בײ דעם אויבערשטען מיט תפילה אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן.**

אויך שרייבט ער (שם אות שפא) אַז **אויב עס פעלט עפּעס פאַר'ן מענטש, איז אַ גוטע צייט מתפלל צו זיין און בעטן דעם אויבערשטען דערפאַר אין תשעה באב, ווען מ'זיצט אויף דער ערד.**

## מן הבאר

הגה"ח רבי אלי' ראָטה זצ"ל האָט דערציילט, אַז אַמאָל אין די 9 טעג, האָט ער באַגלייט זיין רבי'ן, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, אויפ'ן וועג צום כותל המערבי. אַרויסגייענדיג פונעם כותל, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע געפרעגט ר' אלי'ן, אויב ער האָט באַמערקט ווי די שטיינער פונעם כותל המערבי פאַרגיסן טרערן ווי וואַסער אויפ'ן צער פונעם חורבן... ווייל אין די יעצטיגע טעג ווערט מקוים דער 'אבן מקיר תזעק' - אַפילו אַ שטיין וויינט אויף דעם שרעקליכן חורבן.

ווײַנען יעדעס יאָר, דאס איז אויף אַ נייעם חורבן בעוה"ר, ווייל 'ואין לך יום שאין קללתו מרובה מחבירו'[יח], און יעדעס יאָר וואס מיר זענען אין גלות ווערט עס גערעכנט כאילו ווי דער בית המקדש ווערט חרוב פונדאָסניי[יט].

קומט אויס, אַז עס וואָלט געפּאַסט זיך צו פרייען און דאַנקען דעם אויבערשטען אין דעם טאָג, אויף דעם פאַרגאַנגענעם חורבן, נאָר ווײַבאַלד אונזערע עבירות האָבן פאַרלענגערט דעם גלות, טוט דער נייער הספּד אַוועקשטופּן די אַלטע שמחה[כ].

**בכה תבכה - מתפלל זיין און בעטן אויף בנין בית המקדש בב"א**

**דער** רמב"ן ז"ל שרייבט (אויף דעם ענין פון 'הנה ישכיל עבדי', ישעיה נג, ו, געדרוקט אין 'כתבי הרמב"ן', ח"א, ע' שכד) אַז דער נביא באַשולדיגט די אידן מיט דעם וואָס אין גלות

---

**יח.** לויט דעם, קען מען פאַרשטיין די ווערטער פון מדרש (איכ"ר פ"א, כד) אויפ'ן פסוק (איכה א, ב) 'בכה תבכה בלילה',

דערציילט דער מדרש אַ מעשה, אַ פרוי וואָס האָט געוואוינט אין דער געגנט פון רבן גמליאל, און זי האָט געהאַט אַ זון אַ קליין קינד וואָס איז געשטאָרבן און זי האָט איהם באַוויינט בייַנאַכט, און רבי גמליאל האָט געהערט איר קול און ער האָט זיך דערמאנט פונעם חורבן בית המקדש, און ער האָט מיטגעוויינט מיט איר ביז זיינע אויגן ברעמען זענען אַרויסגעפאַלן.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט רבן גמליאל געוויינט אויפ'ן בית המקדש וואָס איז חרוב געוואָרן, אנשטאט צו וויינען דורך באַטייליגן זיך אין איר צער אַז איר זון איז געשטאָרבן. **נאָר רבן גמליאל האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען אַז דער שורש און מקור פון אַלע צרות איז דער חורבן בית המקדש. וועגן דעם, ווען ער האָט געהערט איר קול פון געוויין אויף איר פרטיות'דיגן צער, האָט ער זיך דערמאנט אינעם חורבן הבית וואָס האָט גורם געווען צום פטירה פון איר קינד.**

פון די ווערטער פון מדרש קומט אויס, אַז דער חורבן הבית אין תשעה באב איז דער מקור פון אַלע צרות וואָס קומען ליידער אויף דער וועלט ה"י, און דערפאַר דאַרפן מיר קלאָגן אויפ'ן חורבן הבית, ווי עס שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע אַז **'אין יעדן דור דאַרף דער מענטש זיך אַליין זעהן גלייך ווי ער איז אַרויס** (אין גלות) **פון ירושלים'.** (דרוש לז' אב תקנ"ט)

**יט.** דער גאון רבי חיים פאלאג'י זצ"ל ברענגט ('מועד לכל חי', חודש אב, אות סו) אין נאָמען פון ספר 'קטורת המזבח',

וואָס ער שרייבט: **דער וואָס קלאָגט אויף דעם חורבן בית המקדש, איז מען מוחל זיין עבירות און ער איז זוכה צו אריכות ימים. זיינע קינדער וועלן נישט שטאַרבן ביי זיין לעבן, עס וועט מקוים ווערן ביי איהם 'יראה זרע יאריך ימים'.**

עס איז באַקאַנט, דער גאון רבי יהודה אסאַד זצ"ל, פלעגט באַהאַלטן די טרערן וואָס ער האָט פאַרגאָסן ביים אָפּרעכטן תיקון חצות, און ער פלעגט זיך באַנוצן דערמיט פון צייט צו צייט, כדי צו ראַטעווען אידישע בחורים פון מאָביליזירט ווערן אין דער אַרמיי ('תולדות שמואל', קליין תרצ"ח, פ"ט ט, וואָס שרייבט אַז דער מהר"י אַסאַד פלעגט געבן צו פאַרזוכן פון די טרערן, לויט די עדות פון הגאון רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל גאב"ד ירושלים, ועוד), און אויך האָט ער דערמיט געראַטעוועט עמיצן וואָס האָט ליידער פאַרלוירן די ראי' רח"ל, און ער האָט אויך באַוויזן אַנדערע מופתים מיט די דאָזיגע טרערן.

אין דעם כלל איז אויך צו ראַטעווען אידישע בחורים פון אַראָפּפאַלן אין שאול תחתיות רח"ל, ווי דער 'חתם סופר' זי"ע האָט געזאָגט, **אַז דער וואָס וויינט אין די טעג פון 'בין המצרים' אויפ'ן חורבן בית המקדש, איז זוכה צו גוטע קינדער** (מפי הגאון רבי בנימין מענדעלזאָהן זצ"ל, אב"ד קוממיות). ס'איז דעריבער אַ פּאַסיגער זמן צו בעטן אויף די הצלחה פון די קינדער אין תורה און יראת שמים, געראַטעוועט צו ווערן פון די שרעקליכע גזירה פון 'קרא עלי מועד לשבור בחורי'.

דאָס איז אַ סגולה נישט נאָר פאַר די 'קינדער', נאָר אויך פאַר די 'עלטערן', ווי עס שרייבט דער 'קב הישר' (פרק צג), אַז ער האָט אַן 'אמת'ע קבלה', אַז יעדער וואָס האָט שטענדיג אין זיין האַרץ דעם צער אויף גלות השכינה, איז זוכה צו די כתר תורה.

**כ.** הגאון רבי שמחה וואַסערמאַן זצ"ל, אַ זון פון דעם גאון און צדיק רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד, האָט

דערציילט, אַז ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָט ער זוכה געווען צו זיין ביי הייליגן 'חפץ חיים' זי"ע אין יום כיפור. יענעם יאָר האָט דער 'חפץ חיים' נישט געזאָגט קיין דברי התעוררות, נאָר פאַר תפילת נעילה האָט ער

געזאָגט קורצע ווערטער: **ווי קען מען זיצן אויף אַ גאַנצע און באַקוועמע בענקל, ווען מ'ווייסט אַז 'אין השם שלם, ואין הכסא שלם'**... און דער גאַנצער עולם אין ביהמ"ד האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פון די געציילטע הייליגע ווערטער פון דעם רבן של ישראל דער 'חפץ חיים' זי"ע.

היינט האָבן מיר ליידער נישט דעם 'חפץ חיים', צו עפענען אונזערע פאַרשטאָפּטע הערצער, אָבער **ווי קען מען זיצן רואיג ווען הונדערטער און טויזנטער אידן זיצן און קלאָגן אויף דער ערד, און קלאָגן יאָמערליך אויף זייער ווייטאָג און צער.**

ס'איז מעגליך, אַז צוליב דעם טעם האָבן אונזערע הייליגע חכמים מתקן געווען צו זיצן תשעה באב אויף דער ערד, ווייל ווי קען מען זיצן רואיג אין דעם טאָג אויף אַ גאַנץ בענקל... אַן אומטיילבאַרער חלק פון דעם צער און טרויער אויפ'ן חורבן בית המקדש, איז דאָך אויך אויף דעם צער פון אידישע קינדער, און די צרות וואָס זיי ליידן נעבעך אין גלות.

אַזוי האָבן זיך געפירט די צדיקים אין אַלע דורות, ווי דער גאון רבי מרדכי שולמאַן זצ"ל, דער ראש ישיבה פון דער סלאָבאָדקער ישיבה אין בני ברק, האָט דערציילט, אַז אַלס בחור, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, איז ער געשלאָפן אין הויז פון דעם 'חפץ חיים' זי"ע, און דער 'חפץ חיים' איז נישט געשלאָפן מיט אַ קישן, ווייל ער האָט געזאָגט: **'ווען אידן שלאָפן אין בונקערס, קען איך נישט שלאָפן אויף אַ קישן'** (ספר 'מאיר עיני ישראל', ח"א, ע' 90).

אויך ווערט דערציילט, אַז דער קאַפּיטשיניצער רבי, הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע, האָט אין די יאָרן פון דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה (ווען ער האָט שוין געוואוינט אין אַמעריקע), מסגף געווען זיין גוף, און גאָר ווייניג געגעסן. איין טאָג, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דעם ליובאַוויטשער רבי'ן זי"ע, וואו ער שרייבט צו איהם: איך האָב געהערט אַז מיין ידיד, כתה"ר, איז געווען ביי אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט איהם געגעבן אַ שטרענגע 'דיעטע', וואָס נישט צו עסן, און וואָס יאָ צו עסן, און מיין ידיד, כת"ה, היט אָפּ 'בהידור גדול', נאָר אַ העלפט - די זאַכן וואָס נישט צו עסן... אָבער די צווייטע העלפט פון דעם דאָקטאָר'ס ווערטער - וואָס יאָ צו עסן - איז ער וואָס ווייניגער מקיים. וויל איך אייך בעטן בכל לשון של רחמים ותחנונים, איר זאָלט רחמנות האָבן אויף אייערע בני בית, און זיך אָפּלאָזן פון די סיגופים בכל אופן שיהיו', וכו'.

האָט דער קאַפּיטשיניצער רבי זצ"ל צוריק געענטפערט דעם ליובאַוויטשער רבי'ן: כאָטש איך האַלט חשוב אייערע ווערטער, אבער איך האָב גענומען אויף זיך נישט צו עסן פלייש אין די וואָכן-טעג, ביז דער אויבערשטער וועט אַראָפּקוקן פון הימל און רחמנות האָבן אויף אידישע קינדער. עס פאַלט אויף מיר אַ פחד און אַ ציטער, ווען איך טראַכט פון די גרויסע צרות וואָס אחינו בני ישראל האָבן געליטן, תסמר שערות ראשי וכו'.

אויך ווערט געברענגט ('דרשות משמר הלוי', ח"א, ע' פג) אַז ווען דער גאון רבי שניאור קאָטלער זצ"ל (וועלכער איז שפּעטער געווען ראש ישיבה פון 'בית מדרש גבוה' אין לעיקוואוד) האָט אַלס בחור געלערנט אין ירושלים, איז ער פאַר די חתונה, ווען ער האָט זיך געגרייט צו פאָרן קיין אַמעריקע, אַריינגעגאַנגען צו זיין גרויסן זיידן, דער גאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל, סלוצקער רב און מחבר פון ספר 'אבן האזל', זיך צו געזעגענען מיט איהם, און צו באַקומען אַ ברכה פונעם זיידן פאַר די חתונה. דער זיידע, רבי איסר זלמן, האָט איהם געזעגענט און געגעבן וואַרימע ברכות. דאַן האָט ער איהם באַגלייט, אַראָפּגייענדיג מיט'ן אייניקל בלויז צוויי שטיגן. די איבעריגע שטיגן, איז רבי שניאור אַראָפּגעגאַנגען אַליין. ווען רבי איסר זלמן איז צוריק אַריינגעקומען אין הויז, האָט איינער פון די שטוב-מענטשן איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט באַגלייט דעם אייניקל, נאָר צוויי שטיגן, און נישט מער. האָט רבי איסר זלמן געענטפערט: די שטיגן וואָס איך בין נישט אַראָפּגעגאַנגען, זענען פאַר אַלע טויזנטער אידישע קינדער וועלכע האָבן ליידער נישט זוכה געווען חתונה צו האָבן און אויפבויען אַ אידישע היים (מיינענדיג די מיליאָנען אומגעקומענע אויף קידוש השם אין צייט פון די מלחמה, וועלכע זענען אַרויף אין הימל במעלות קדושים וטהורים, אָבער ליידער האָבן זיי נישט זוכה געווען צו בויען אידישע היימען).

יאָ, זיין באַליבט אייניקל איז טאַקע זוכה חתונה צו האָבן בשעה טובה ומוצלחת. די שמחה דערגרייכט צו די העכסטע שטאַפּלען, אָבער ווי אַזוי קען רבי איסר זלמן זיך פרייען ווען עס זענען געווען צענדליגער טויזנטער און אַפילו מער אידישע קינדער, וועלכע האָבן ליידער נישט זוכה געווען דערצו.

לדידן ייאמר, אַוודאי פאַרלאַנגט מען נישט פון אונז צו שלאָפן אָן אַ קישן אונטער'ן קאָפּ... אויך פאָדערט נישט קיינער פון אונז אַז מיר זאָלן זיך צוריקהאַלטן פון עסן פלייש אין די וואָכן-טעג... און מיר מעגן אַפילו זיך פרייען

האָבן זיי אין זינען נאָר ענינים פון עולם הזה, יעדער איינער טראַכט נאָר וועגן זיך, וועגן זיין הויז און זיינע געשעפטן, ווען באמת דאַרפן אידן וויינען און מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען בייגאַכט און בייטאָג אַז ער זאָל מוחל זיין די עבירות פון די אידן און צואיילן דעם קץ פון די גאולה[כא], ווייל ווען אידן וועלן תשובה טוהן, וועט משיח באלד קומען וכו'.

אַזוי זאָגט דער זוהר הקדוש (ח"ב יב:) רבי יצחק האָט געזאָגט, די גאולה פון אידישע קינדער ווענדט זיך

---

מיט די שמחות פון אונזערע קינדער ב"ה, **אָבער מיר דאַרפן כאָטש מיטשפירן דעם צער פון אידישע קינדער, להיות מיצר בצרתם של ישראל**, ווען מ'זאָגט די ווערטער אין קינות, 'ואסלדה בחילה בהעלותי על לבי גודל הצרות והשבר שסבלו אחינו בני ישראל עד כי תסמר שערות ראשי'.

אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה אין בית שמש, וועלכער איז ליידער געוואָרן אַן אלמן ל"ע עטליכע יאָר צוריק, האָט אונז דערציילט, אַז זיין זעכצן-יעריגע טאָכטער, האָט זיך צו איהם אויסגערעדט, אַז זי קען ליידער נישט צוקוקן דעם צער פון אירע יונגערע שוועסטער. זי זאָגט: מילא, איך האָב נאָך אָנגעיאָגט צו שפירן אַביסל אַ מאַמע'ס ליבשאַפט, ווי ווייט אונזער מאַמע ע"ה איז געווען איבערגעגעבן צו מיר, און געזאָרגט פאַר אַלע מיינע באַדערפענישן. איך שפיר כאָטש דעם גרויסן חסרון, ווען די 'עקרת הבית' איז ליידער נישט דאָ... אָבער די קליינע פינף און זעקס יאָריגע קינדער אין הויז, וועלכע האָבן ליידער כמעט נישט זוכה געווען צו שפירן וואָס עס מיינט די איבערגעגעבנקייט פון אַ מאַמע צו אירע קינדער, און זיי געדענקען איר אינגאַנצן נישט. זיי באַגרייפן נישט וואָס עס פעלט זיי, אין זייער יתמות רח"ל.

ווען דער יונגער אלמן האָט געהערט די ווערטער פון זיין טעכטער, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און געזאָגט צו איר:

- יעצט פאַרשטיי איך אונזער מצב אין דעם לאַנגן אידישן גלות, וואָס מיר שפירן נישט וואָס עס פעלט אונז. 'על זה היה דוה לבינו'.

**כא.** הרה"ג רבי דוד פרידלאַנדער זצ"ל (אַ ברודער פון הרה"ק בעל 'טל חיים' זי"ע פון ליסקא, אַן איידעם פון ליסקער רב הרה"ק בעל 'אך פרי תבואה' זי"ע) איז געווען אַ תלמיד פון דעם גאון מהר"ם שיק זצ"ל. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד חכם און אַן עסקן אין דער שווערער תקופה ווען די קהילות אין אונגאַרן זענען צעטיילט געוואָרן. רבי דוד איז געווען אַ מקורב ביים עסטרייכישן קייסער פראַנץ יאָזעף, און ער פלעגט באַזוכן ביים קייסער פון צייט צו צייט.

אין אַ טאָג, ווען רבי דוד איז געווען ביים קייסער, האָט דער קייסער איהם געזאָגט, 'איך האָב באַשלוסן אַז אידן זענען נישט איבערגעגעבן פאַר די מלוכה... ווייל איך, פון מיין זייט, אַרבעט איך שווער צו מאַכן אנגענעם פאַר זיי זיך אויפהאַלטן אין אונזער לאַנד, אַז זיי זאָלן זיך שפירן גוט אינעם לאַנד, אָבער למעשה, זענען זיי יעדן טאָג מתפלל, אין זייער תפילת 'שמונה עשרה', די תפילה פון 'ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים'... וואָס פעלט זיי דאָ ביי מיר אין לאַנד, וואָס זיי ווילן אַזוי שטאַרק צוריקפאָרן קיין ירושלים. איך טוה דאָך מיט זיי אַזוי פיל טובות'...

רבי דוד האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אַוודאי אַריינגעגעבן געוואָרן אַ 'מסירה' דורך די 'משכילים' און אַנדערע מהרסים פון דת תוה"ק, און אויף די מינוט, איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. דער אויבערשטער האָט איהם אָבער דערלויכטן די אויגן און ער האָט זיך אָנגערופן: אדוני המלך, איך וועל דיר זאָגן אַ משל, אַ גרויסער מעכטיגער קעניג האָט זיך אַמאָל געגויטיגט אין אַ גרויסע סומע געלט, און ער איז דעריבער געווען געצוואונגען צו באָרגן דאָס געלט פון דעם קעניג אין אַן אַנדערן לאַנד. בלית ברירה, האָט ער געמוזט אַוועקגעבן אַלס אַ משכון, איינעם פון זיינע קרוינען...

אַ צייט שפּעטער, האָט דער קעניג געוואָלט וויסן וואָס עס מאַכט זיין 'קרוין', איז ער אַריבערגעפאָרן צו באַזוכן יענעם קעניג וואָס האָט איהם געבאָרגט דאָס געלט, און ער האָט געזעהן אַז זיין קרוין ליגט צווישן די רעדער פון זיין קעניגליכע קאַרעטע. האָט עס איהם זייער ווי געטוהן אַז איינער פון זיינע קרוינען ליגט אַזוי בבזיון. בלית ברירה, האָט ער צוזאַמענגענומען דאָס געלט און באַצאָלט דעם חוב, און צוריק באַקומען זיין משכון, די קייסערליכע קרוין. דאַן איז ער געגאַנגען צו אַן אַנדערן קעניג און געבאָרגט פון איהם דאָס געלט, און אויך איהם האָט ער געגעבן אַ משכון, זיין קרוין. שפּעטער, ווען ער איז געפאָרן אַהין צו יענעם קעניג צו זעהן אין וואָס פאַר אַ מצב

נאָר אין דעם געוויין, אַז אידישע קינדער זאָלן וויינען פונעם פסוק (ירמיה לא, ח) 'בבכי יבואו ובתחנונים אויף דעם חורבן בית המקדש, און מ'לערנט עס אַרויס אובילם'[כב].

---

זיין קעניגליכע קרוין געפינט זיך יעצט, אַלס אַ משכון ביי יענעם קעניג, האָט ער דאָרט געזעהן אַז זיין קרוין ליגט בכבוד'יג אין דעם קאַסטן וואו עס ליגן אַלע טייערסטע אוצרות פון יענעם קעניג, און יענער קעניג איז זיך ממש משתעשע מיט זיין קרוין. האָט ער זיך געפרייט, ווייל כאָטש ער האָט מיט'ן גאַנצן האַרץ געוואָלט צוריקגעבן די הלוואה כדי צוריק צו באַקומען זיין קרוין, אָבער פונדעסטוועגן, האָט ער זיך געפרייט אַז אין אַזאַ מצב, אַז ער דאַרף פאַר'משכונ'ען די קרוין, געפינט זיך כאָטש זיין קרוין אויף אַ מכובד'יגן אָרט.

און רבי דוד פרידלאַנדער האָט אויסגעפירט צום קייסער פראַנץ יאָזעף: אדוני המלך, דאָס זעלבע איז מיט אונז, אידן. בעוונותינו הרבים, איז דער אויבערשטער כביכול געוועזן געצוואונגען אַוועקצוגעבן אַלס אַ 'משכון' זיין 'קרוין' - זיינע ליבע אידישע קינדער, וואָס זענען ביי דעם אויבערשטען ווי זיין קרוין, און ער האָט אונז פאַרשיקט אין גלות. ער וויל אָבער זעהן כסדר ווער עס האַלט אונז בכבוד'יג, און ווען ער האָט געזעהן אַז די גוים האַלטן אונז נישט בכבוד, האָט ער אונז גענומען און איבערגעגעבן אַלס אַ משכון אין דיין האַנט, ווייל דו ביזט דאָך אַ קייסער וואָס טוט גוטס מיט זיינע אונטערטאַנען די בירגער פון עסטרייך, און יעדן טאָג וואָס מיר געפינען זיך ביי דיר אין דיין מלוכה, פרייט זיך דער אויבערשטער. פאַרשטייט זיך, אָבער, אַז מיר זענען נאָך אַלץ מחויב מתפלל צו זיין זיך אומצוקערן קיין ירושלים, ווייל דאָס הויפט-אָרט פון דעם אויבערשטען'ס קרוין באַלאַנגט צו זיין אין קייסערליכן פאַלאַץ, אין ירושלים, אָבער אַזוי לאַנג ווי עס ליגט אויף אונז צו זיין אין גלות, איז ביי דיר דאָס בכבוד'יגסטע אָרט, ווייל דו ווייסט דאָך ווי אַזוי אָפּצוגעבן כבוד פאַר די אידן - דעם אויבערשטען'ס קרוין...

הערנדיג דעם קלוגן ענטפער פון רבי דוד פרידלאַנדער, האָט דעם קעניג'ס פנים אויפגעשיינט און ער האָט געלאָזט טרערן פון התרגשות.

**לדידן ייאמר, מיר, כלל ישראל, זענען דאָך די קרוין פון דעם אויבערשטען, און אויב מ'האַלט עס נישט בכבוד, האָט די שכינה הקדושה כביכול גרויס צער ח"ו, ממילא, דאַרפן מיר יעדן טאָג און יעדע שעה מתפלל זיין, 'א-ל הביטה דל כבודינו בגוים, עד מתי עוזך בשבי'. מיר זענען דיין קרוין, און מיר בעטן זיך דו זאָלסט קומען זעהן וואָס מ'טוט מיט דיין קרוין, און נעם אונז אַרויס פון גלות בקרוב בימינו, אמן.**

## מן הבאר

עס האָט אונז דערציילט אַ חשוב'ער יונגערמאַן פון אונזער חבורה, אַז עטליכע יאָר צוריק איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ יונגל למזל טוב. די ערשטע דרייסיג סעקונדעס האָט דאָס ניי-געבוירענע קינד נישט געוויינט, און די עלטערן האָבן געשפּירט ווי די נשמה גייט זיי אויס ח"ו פון גרויס זאָרג און שרעק. ערשט נאָך דרייסיג סעקונדעס האָט דאָס קינד אָנגעהויבן צו וויינען, און דאַן האָבן די עלטערן זיך באַרואיגט און זיך געפרייט מיט'ן געבורט פון זייער קינד למזל טוב. דאַן האָט דער טאַטע פאַרשטאַנען, אַז **אַ טאַטע וואַרט און קוקט אַרויס אַז זיין קינד זאָל וויינען, ווייל דאָס געוויין איז דאָך אַ סימן אַז דאָס קינד לעבט**, און וועט לעבן בעזהי"ת. דאָס זעלבע איז מיט'ן חורבן בית המקדש. דער אויבערשטער וואַרט און קוקט אַרויס אויף אונזער געוויין, און **דער געוויין איז אַ סימן אַז מיר 'לעבן' ברוך השם ברוחניות, ווייל מיר האָבן נישט פאַרלוירן האָפענונג אויף אַ גוטן עתיד.**

**כב.** אַמאָל איז דער מגיד פון שטעטל ראַדין, וועמען מ'האָט גערופן 'רבי בנימין הצדיק', אַריינגעקומען אין הויז פונעם 'חפץ חיים' זי"ע. האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

- רבי בנימין, **וואָס וועט זיין דער תכלית, ס'איז דאָך אַזאַ לאַנגער גלות, מיט אַזאַ גרויס פינצטערניש. וואָס וועט זיין?!**

האָט רבי בנימין געענטפערט דעם 'חפץ חיים': רבי, איך וועל אייך זאָגן אַ משל. אַמאָל אינמיטן ווינטער, זענען אַסאַך 'באַלעבאַטים' אַרויסגעפאָרן אויף אַ לאַנגע נסיעה פון פעטערבורג קיין אָדעס, אַ וועג וואָס געוועונליך דאַרף עס דויערן עטליכע טעג. זיי האָבן געדינגען אַ גוי'שן בעל עגלה, וואָס זאָל זיי פירן מיט זיין 'שליטן', געשפּאַנט צו צוויי געזונטע פערד. זיי האָבן זיך אַליין אויך אָנגעטוהן גוטע מאַנטלען א.א.וו., און מיט דעם אַלעם, זייענדיג ביינאַכט

אויפ'ן וועג, האָבן זיי אָנגעהויבן שפּירן ווי זיי ווערן פאַרפרוירן פון די גרויסע קעלטן און פרעסטן, און זיי האָבן דעריבער געעפענט דאָס פלעשל 'משקה' וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פון פריער, און זיך גוט דערוואַרימט מיט'ן בראָנפען. אַ קורצע צייט שפּעטער, זענען זיי אַלע איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף. ס'איז שוין געוואָרן טאָג, און זיי שלאָפן נאָך... אַזוי איז אַדורך דער גאַנצער טאָג - ווינטער, זענען דאָך די טעג זייער קורץ אין רוסלאַנד. ווען זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער טיפן שלאָף, און זיך אויסגעטשוכעט פון דעם שיכרות פונעם בראָנפען, האָבן זיי געזעהן אַז ס'איז שוין טונקל אינדרויסן. האָבן זיי געמיינט, אַז די (ערשטע) נאַכט האָט זיך נאָך נישט געענדיגט, און זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט שמועסן איינער מיט'ן אַנדערן. ס'איז זיי ווידער געוואָרן קאַלט, און זיי האָבן ווידער געטרינקען און זענען ווידער איינגעשלאָפן, און ווידעראַמאָל האָבן זיי זיך ערוועקט ווען עס איז שוין געווען אַ נייע נאַכט אויף דער וועלט, און זיי האָבן נאָך אַלס געמיינט אַז זיי האַלטן נאָך אין דער ערשטער נאַכט, ווייל זיי האָבן נישט געזעהן אַפילו איינמאָל אַז ס'זאָל ווערן לעכטיג אויף דער וועלט...

האָבן זיי זיך געוואונדערט צו זייער 'בעל עגלה', ווי אַזוי איז מעגליך אַז עס איז אַזאַ לאַנגע נאַכט, וואָס ענדיגט זיך נישט?... וואָס האָט דאָ פּאַסירט אויף דער וועלט? האָט דער 'בעל עגלה' זיי געענטפערט:

- נאַראָנים וואָס איר זענט! וועגן וועלכע לאַנגע נאַכט רעדט איר?! ס'איז שוין צוויי מאָל געוואָרן טאָג און אַ לעכטיגקייט איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט, נאָר איר זענט געשלאָפן מיט אַ טיפן שלאָף, און איר האָט נישט געזעהן... דעריבער מיינט איר אַז עס הערשט נאָך אַלץ אַ פינצטערניש אויף דער וועלט.

און רבי בנימין הצדיק, דער מגיד פון ראַדין, האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער צום 'חפץ חיים': מיר ווייסן דאָך וואָס דער נביא זאָגט (ישעיה כא, יא-יב) 'שומר מה מלילה, שומר מה מליל. אמר שומר אתה בוקר וגם לילה, אם תבעיון בעיו', שובו אתיו'. דער נביא מיינט צו זאָגן, מיר שטייען און וואונדערן זיך מיט ווייטאָג פאַר דעם באַשעפער, 'מה מלילה, מה מליל'. **פאַרוואָס דויערט אַזוי לאַנג די נאַכט פונעם גלות?** ענטפערט דער אויבערשטער, דער 'שומר' פון אידישע קינדער, 'אתה בוקר', **ס'איז שוין געקומען דער טאָג, עס איז שוין מערערע מאָל געווען דער זמן פאַר די גאולה צו קומען, נאָר איר זענט ליידער געווען פאַרטיפט אין אייער שלאָף.** איר האָט פאַרשפּעטיגט דעם פרימאָרגן ביז 'וגם לילה', ס'איז שוין ווידעראַמאָל געוואָרן טונקל און ס'איז אַראָפּגעקומען אַ נייע נאַכט אויף דער וועלט, און אַזוי יעדעס מאָל ווען איך טוה צוגרייטן די לעכטיגקייט, שלאפט איר און איר האָט שאָדן די לעכטיגקייט. **וואָס איז די עצה דערצו?** 'אם תבעיון בעיו', וואָס רש"י טייטשט דאָרט, **אַז אויב איר וועט בעטן צוצואיילן דעם קץ פון די גאולה, וועט קומען די ישועה.** 'שובו אתיו' - **איר זאָלט תשובה טוהן, ווייל תשובה צוזאַמען מיט תפילה אויף די גאולה, וועט ברענגען די גאולה פאַר אידישע קינדער.**

עס ווערט געברענגט אַ וואונדערליכע מעשה וועגן דעם ענין פון האָפען אויף די ישועה פון כלל ישראל דורך די גאולה. ווען דער גאון און צדיק רבי נפתלי אַמסטערדאַם זצ"ל (אַ תלמיד פון הגאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל) איז אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין ירושלים עיה"ק, האָט איהם געפעלט נאָר איין זאַך - אַ רבי... איז ער אַריבערגעגאַנגען צו דעם גאון רבי שמואל סאַלאַנט זצ"ל אב"ד ירושלים, און איהם געפרעגט: מיר זענען דאָך מצווה צו נעמען אויף זיך אַ רבי'ן, אַזוי ווי דער תנא זאָגט אין אבות (פ"א מ"ו) 'עשה לך רב'. אפשר קען דער רבי מיר זאָגן וועלכן רב איך קען דאָ אין ירושלים נעמען אויף זיך אַלס אַ רב (דער גאון און צדיק רבי נפתלי אַמסטערדאַם, וועלכער האָט אין חוץ לארץ משמש געווען ברבנות אין מערערע שטעט מיט שיינע אידישע קהילות, האָט אָבער געשפּירט מיט זיין ענווות אַז עס פעלט איהם אַ רב...). האָט רבי שמואל איהם געענטפערט:

- דער גאון און צדיק רבי יוסף חיים זאָנענפעלד לערנט פאָר יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב, אַ שיעור אין משניות. גייט אַריין אין שול און הערט אויס דעם שיעור. ווען איר וועט הערן פון איהם אַ נייעם ענין, וועט ער ווערן אייער רבי...

צומאָרגענס, זענען אַלע אָנוועזענדע ביים שיעור משניות פון רבי יוסף חיים זאָנענפעלד, געוואָרן ערשטוינט צו זעהן נישט קיין אַנדערן ווי דעם אַלטן צדיק רבי נפתלי אַמסטערדאַם, זיצן ביי אַ 'פּשוט'ן' שיעור אין משניות. רבי נפתלי, ווידער, האָט אַדאַנק זיין גאונות פאַרשטאַנען ווי אַזוי רבי יוסף חיים טוט אויסשפּרייטן די גאַנצע סוגיא מיט זיין פירוש אין די משנה, ער פאַרענטפערט אַלע קשיות וואָס זענען דאָ אויף די משנה. ער האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געהערט קיין חידושים, ווייל אַלעס איז איהם שוין געווען באַקאַנט פון פריער, ממילא, איז רבי יוסף חיים נישט געוואָרן זיין 'רבי'.

דער גאון רבי יעקב עמדין זצ"ל שרייבט (סידור בית יעקב, עניני ט' באב, חלון ו, אות טז) אַז אויב מיר וואָלטן געהאַט נאָר דעם דאָזיגן חטא, וואָס מ'טוט נישט טרויערן אויף ירושלים געהעריג, איז דאָס גענוג צו פאַרלענגערן דעם גלות, און דאָס איז אין מיינע אויגן די נאָנטסטע סיבה פאַר אַלע שרעקליכע שמדיות וואס אידן ליידן נעבעך אין גלות, 'על צווארנו נרדפנו', מ'לאָזט אונז נישט במנוחה צווישן די גוים מיט שפלות און אָרימקייט, ווייל דער געוויין און טרויער אויפ'ן חורבן בית המקדש האָט זיך אָפּגעטוהן פון אונזער האַרץ.

די גמרא זאָגט (תענית ל:) 'כל המתאבל על ירושלים, זוכה ורואה בשמחתה'. דער מענטש וואָס טרויערט אויף דעם חורבן פון ירושלים, איז זוכה צו זעהן אין איר שמחה. און אַזוי זאָגט אויך דער זוהר הקדוש (ח"ב נה:) רבי יהודה איז געזעסן פאַר רבי שמעון און געלייענט דעם פסוק (ישעיה נב) 'קול צופיך נשאו קול יחדיו ירננו'. 'צופיך' מיינט די אידן וואָס האָפען און קוקן אַרויס צו די צייט ווען דער אויבערשטער וועט זיך דערבאַרימען און צוריק אויפבויען זיין בית המקדש. 'נשאו קול'. לכאורה וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן אַ לשון עתיד: 'ישאו קול'? נאָר עס גייט אַרויף אויף יעדן מענטש וואָס וויינט און הייבט אויף זיין קול אויפ'ן חורבן בית המקדש, וועט ער שפּעטער זוכה זיין צו די הבטחה פון 'יחדיו ירננו' - ער וועט זיך קענען פרייען מיט'ן בנין בית המקדש[כג].

---

אזוי איז דאס אנגעגאנגען ביז זיי זענען אָנגעקומען ביים שיעור צום פרק 'חלק', וואָס איז דער לעצטער פרק פון מסכת סנהדרין, וואו רבי יוסף חיים האָט אַרומגערעדט ביים שיעור די 13 עיקרים פונעם רמב"ם ז"ל אין זיין הקדמה צו דעם פרק.

בתוך הדברים, האָט רבי יוסף חיים דערמאנט דעם מאמר חז"ל (סנהדרין צז.) אַז משיח וועט קומען נאָר ווען אידן וועלן מסיח דעת זיין פון די גאולה. דאָ האָט רבי נפתלי אַמסטערדאַם זיך שוין אָנגערופן, און אויסגעדריקט זיין וואונדער וואָס איז איהם שוין שווער געווען אַ לענגערע צייט, ווי אַזוי קענען אידן מסיח-דעת זיין פון די גאולה? עס איז דאָך איינער פון די ערשטע שאלות וואָס מ'פרעגט אין הימל (שבת לא.) 'צפית ישועה'? אין יעדע תפילת 'שמונה עשרה', זאָגן מיר עדות וועגן זיך אַז מיר האָפען און קוקן אַרויס אויף די גאולה שלימה: 'כי לישועתך קוינו כל היום', אויך ביי 'קדושה', בעטן מיר: 'ותמלוך עלינו כי מחכים אנחנו לך'. איז דען מעגליך אַז אַ איד זאָל מסיח-דעת זיין פון בעטן אויף די גאולה? האָט רבי יוסף חיים איהם געענטפערט:

- לאָמיר אָננעמען, אַז יעצט וועט זיך עפענען די טיר און עס וועט עמיצער אַריינקומען און אונז זאָגן, 'רבותי, וואָס זיצט איר דאָ? משיח איז דאָך געקומען'... וועלן מיר זיך וואונדערן אין האַרץ: 'יאָ, באמת?...' **נו, פרעג איך אייך, איז דען דאָ אַ גרעסערער 'היסח הדעת' פון דעם?** ווען מ'ערוואַרט אַ חשוב'ן גאַסט אין שטוב און מ'הערט אַז ער איז אָנגעקומען, פאַרזוימט מען זיך נישט אַפילו אַ סעקונדע, נאָר מ'שטעלט זיך אויף פונעם אָרט און מ'גייט אַרויס איהם מקבל פנים זיין...

הערנדיג די ווערטער פון רבי יוסף חיים ז"ל, האָט רבי נפתלי זיך זייער געפרייט און אויסגערופן: ריכטיג, ריכטיג, איך האָב שוין אַ רבי'ן... איך האָב שוין געהערט אַ חידוש!

**כג.** הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל פלעגט זאָגן (געברענגט אין ספר 'בית קלם', ע' שצו), אַז אין קעלם האָט מען מדייק געווען אינעם לשון פון די גמרא, 'כל' המתאבל. עס איז באַקאַנט, אַז איבעראל וואו עס שטייט 'כל', קומט עס עפּעס צו פאַרמערן. אויב אַזוי, וואָס האָבן חז"ל דאָ געוואָלט פאַרמערן ווען זיי האָבן געזאָגט 'כל' המתאבל? נאָר **חז"ל ווילן אונז לערנען, אַז אפילו אויב דער 'מתאבל' וואָס טרויער אויף חורבן ציון וירושלים, האָט חלילה עבירות און ער איז נישט באמת ראוי צו זעהן די שמחה פון ירושלים ווען זי וועט אויפגעבויט ווערן בקרוב בימינו, אָבער פונדעסטוועגן, די עצם אבילות אויפ'ן חורבן בית המקדש ברענגט אַ קדושה אויפ'ן מענטש, ביז ער וועט קענען זוכה זיין צו זעהן די שמחה פון ירושלים.**

דער גאון רבי אלחנן וואַסערמאַן זצ"ל הי"ד האָט דערציילט, אַמאָל ביי אַן אסיפה פון רבנים איבער עניני הכלל, האָט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע אָנגעוויזן אויף די ווערטער פונעם 'תנא דבי אליהו' (רבה, פ"כ, ד"ה 'פעם אחת'), אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי צוגעפירט צו ברענגען די לענדער פון פרס און מדי אויף דער וועלט, נאָר אַלס שכר פאַר כורש, וואָס ער האָט געוויינט און געקרעכצט אין דער צייט ווען די גוים האָבן חרוב געמאַכט דעם בית המקדש.

מיט'ן קלאָגן אויפ'ן חורבן בית המקדש, איז מען זוכה צו בויען דעם בית המקדש, ווי דער של"ה הקדוש ז"ע שרייבט (מסכת תענית, פרק נר מצוה, מענין העבודה, אות לג), אַ טעם פאַרוואָס מ'טרויערט נישט אין שבת (זעה או"ח סי' תקנ"א ס"א), ווייל אבילות איז גורם דעם בנין בית המקדש, און חז"ל זאָגן 'אין בנין בית המקדש דוחה שבת'.

מיר האָפען און זענען מתפלל, אבינו מלכינו חוס ורחם עלינו, דער יום המר והנמהר תשעה באב זאל איבערגעדרייט ווערן צו אַ יום טוב, און מיר זאָלן אַלע צוזאַמען זוכה זיין צו פראַווען דעם יום טוב בירושלים הבנויה, השיבנו ה' אליך ונשובה חדש ימינו כקדם, אמן כן יהי רצון.

---

און דער 'חפץ חיים' האָט צוגעגעבן, אַז ווען מיר זאָלן אויסרעכענען די צאָל פון די יאָרן, וועט אויסקומען אַז כורש איז דעמאָלס געווען נישט מער ווי זיבן יאָר אַלט. דאַרפן מיר זיך מתבונן זיין אין דעם: וואָס פאַרשטייט דען אַ יונגל דעם באַדייט פון דעם חורבן בית המקדש, און פונדעסטוועגן, **אין זכות פון דעם וואָס ער האָט געוויינט אויפ'ן חורבן בית המקדש, האָט דער אויבערשטער געבענטשט די קעניגרייכן פון פרס און מדי אויף דער וועלט**, איז דאָך אַ קל וחומר פאַר אונז, **וויפיל שכר וועט דער אויבערשטער אונז באַצאָלן פאַר אונזער טרויערן אויפ'ן גרויסן און שרעקליכן חורבן.**

# הן גאלתי אתכם אחרית כראשית

אַ זון פון הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע, איז געווען אַן איידים ביי הרה"ק רבי ברוכ'ל פון מעזיבוזש זי"ע. ביים שידוך, האָט רבי שלמה שלמה קאַרלינער זי"ע זיך אונטערגענומען צו געבן 'נדן' פינף הונדערט רובל. ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דעם שידוך-שליסן אין מעזיבוזש, האָט רבי שלמה קאַרלינער אָנגעהויבן צוזאַמענצושטעלן דאָס געלט פאַר 'נדן', אָבער יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך שוין צוזאַמענגעשטעלט אַ שיינע סומע געלט, האָט ער פאַרטיילט דאָס גאַנצע געלט אויף צדקה פאַר אָרימעלייט. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען עטליכע מאָל, ביז די משמשים בקודש האָבן באַשלאָסן צו נעמען שריט. זיי האָבן געזאָגט דעם רבי'ן, אַז דאָס קומענדיגע מאָל ווען עס וועט זיך צוזאַמען זאַמלען אַ שיינער סומע, וועלן זיי אַוועקלייגן דאָס געלט און עס האַלטן ביי זיך, ביז מ'וועט פאָרן קיין מעזיבוזש צו די חתונה, און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטוהן.

אויפ'ן וועג קיין מעזיבוזש צו די חתונה, האָט הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער געהערט אויפ'ן וועג אַז דער הייליגער רבי נחום טשערנאָבילער זי"ע איז אַרעסטירט אין תפיסה ל"ע. איז ער שנעל צוגעפאָרן אַהין, און ער האָט אונטערגעקויפט דעם וועכטער מיט הונדערט רובל (פון די 500 רובל וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר'ן 'נדן'), אַז ער זאָל איהם לאָזן אַריינגיין באַזוכן דעם 'מאור עינים'. אַרויסקומענדיג פונעם צעל אין וועלכן רבי נחום איז געזעסן, האָט ער געפרעגט דעם וועכטער, ווי לאַנג רבי נחום וועט דאָ געהאלטן ווערן אין תפיסה, און דער וועכטער האָט געענטפערט, אַ פאָר טעג. האָט דער קאַרלינער געגעבן דעם וועכטער די איבעריגע פיר הונדערט רובל, אַז ער זאָל שוין באַפרייען רבי נחום טשערנאָבילער, און ער איז געפאָרן צו די חתונה קיין מעזיבוזש מיט ליידיגע הענט.

די חתונה און די 'שבע ברכות' זענען אריבער אין אַ מזל'דיגע שעה. ווען רבי שלמה קאַרלינער האָט זיך געגרייט אַהיימצופאָרן, האָט זיין זון, דער חתן, איהם געזאָגט: 'טאַטע, דו לאָזט מיך דאָ איבער, און איך האָב מורא אַז מיין שווער וועט פאָדערן פון מיר דאָס געלט פונעם נדן. וואָס וועל איך איהם ענטפערן?'... האָט רבי שלמה קאַרלינער געזאָגט צום זון, אויב דער שווער וועט פון דיר פאַרלאַנגען דעם 'נדן', זאָלסטו זיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל, און אויסשרייען די ווערטער **'אוי טאַטע'...** (ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז מיט זיינע הייליגע אויגן וועט ער שוין מרגיש זיין פונדערווייטנס, און ער וועט אַלעס 'ערלעדיגן'...).

ס'איז אַריבער אַ צייט נאָך די חתונה, און דער רבי ר' ברוך האָט נישט גערעדט אַ וואָרט מיט זיין נייעם איידים וועגן דעם נדן. איינמאָל אין אַ פרייטאָג, האָט דער איידים געהערט ווי דער רבי ר' ברוך'ל זאָגט 'שיר השירים', און ווען ער איז אָנגעקומען צום פסוק (שה"ש א, יג) 'צרור המור דודי לי', האָט ער עס איבערגעזאָגט אַ פאָר מאָל מיט גרויס התלהבות. דער איידים האָט געמיינט, אַז דער שווער, דער רבי ר' ברוכ'ל, מיינט דערמיט איהם מרמז צו זיין די שאלה, וואָס הערט זיך מיט'ן **'צרור' - דאָס בינטל געלט**, וואָס **'דודי' - דער מחותן**, רבי שלמה קאַרלינער - האָט געזאָלט באצאלן... איז דער איידים געוואָרן זייער דערשראָקן, און איז שנעל צוגעגאַנגען אין אַ ווינקל, און געשריגן: **'אוי, טאַטע!'...** ווען דער רבי ר' ברוך האט געענדיגט זאָגן 'שיר השירים', האָט ער זיך אָנגערופן צום איידים: 'היינטיגע יונגעלייט... ביי יעדע קלייניגקייט, לויפן זיי באַלד צום טאַטן'... (ווייל הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער זי"ע האָט געשפּירט פון דער ווייטענס דעם געשריי פון זיין זון, און ער האָט עס 'ערלעדיגט' פונדערווייטענס... 'ומי יעמוד בסוד קדושים').

לדידן ייאמר, מקען פון דעם ארויסנעמען א געוואלד'יגע חיזוק אין דעם ענין פון תפילה. דער מדרש זאָגט (תנחומא, פרשת דברים, א) אַז ווען משה רבינו ע"ה האָט געזעהן ברוח קדשו אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן און מ'וועט מער נישט אַהין ברענגען 'ביכורים' (ווי דער מדרש זאָגט דאָרט, אַז יעדער איד וואָס האָט געברענגט ביכורים אין בית המקדש, פלעגט מתפלל זיין דאָרט און בעטן רחמים פאַר זיך און פאַר אַלע אידן, און יעצט, נאָך דעם חורבן, וואו וועט מען דאַווענען), האָט ער מתקן געווען אַז מ'זאָל דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג צום באַשעפער, ווייל **תפילה איז מער באַליבט ביי דעם אויבערשטען, מער ווי אַלע מעשים טובים און אַלע קרבנות.**

וועט עמיצער פרעגן: וואָס האָב איך צו בעטן דריי מאָל אַ טאָג, איך האָב דאָך נישט דעם קאָפּ און דאָס האַרץ דערצו... איך קען דאָך נישט דאַווענען געהעריג... דאַרף מען איהם דערמאנען די דערמאנטע מעשה מיט רבי שלמה קאַרלינער, אַז כל זמן דער קאַרלינער איז געווען אין מעזיבוזש, איז זיין זון נישט געווען באַזאָרגט פון וואו ער וועט האָבן וואָס ער וועט דאַרפן, נאָר ווען דער טאַטע האָט זיך געגרייט אַוועקצופאָרן האָט ער מורא באַקומען וואָס וועט זיין אויב דער שווער וועט איהם פרעגן וועגן דעם נדן... אויף דעם האָט זיין טאַטע, רבי שלמה קאַרלינער, איהם געגעבן אַ פּשוט'ע עצה: **שטעל דיך אַוועק אין אַ ווינקל, און גיב אַ געשריי: 'אוי טאַטע', און אַלעס וועט זיין אין אָרדענונג...**

דאָס זעלבע דאַרפן מיר וויסן, אַזוי לאַנג ווי דער בית המקדש איז געשטאַנען האָבן מיר געלעבט 'על מי מנוחות', אָבער ליידער ליידן מיר היינט אין גלות אזויפיל צרות און פּראָבלעמען. ממילא, לאָמיר אויך שרייען 'אוי טאַטע', יעדעס מאָל ווען עס פעלט אונז עפּעס, און אויב הרה"ק רבי שלמה קאַרלינער האָט געשפּירט פונדערוויטענס ווען זיין זון האָט אויסגעשריגן **'אוי טאַטע'**, און ער איז איהם באַלד געקומען צו הילף, קענען מיר אויך שרייען 'אוי טאַטע', און ס'איז אַ 'קל וחומר, בן בנו של קל וחומר', אַז **דער ליבער טאַטע אין הימל וועט אונז העלפן און ענטפערן אונזערע תפילות.** בפרט אין חודש 'אב', וואָס באַדייט **'טאַטע'**, איז אַוודאי אַז דער געשריי 'טאַטע... טאַטע...' וועט אַרויפגיין אין הימל און צואיילן אונזער ישועה.

מיר זאָגן אין 'כתר' (תפילת מוסף לשב"ק), 'הן גאלתי אתכם אחרית כראשית'. קען מען זאָגן אַ כוונה, אַז מיר בעטן אַז די גאולה העתידה צו וועלכער מיר האָפען און קוקן אַרויס, זאָל קומען צו אונז **'כראשית'** - אַזוי ווי די גאולה פון מצרים. אין מצרים, האָבן די אידן געאַרבעט גאָר שווער און זיי האָבן **נישט** געקענט מתפלל זיין, נאָר **'ויאנחו** בני ישראל מן העבודה ויזעקו' (שמות ב, כג), ווי הרה"ק בעל 'ישמח ישראל' זי"ע ברענגט (פרשת שמות, אות ב) אין נאָמען פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי יחיאל זי"ע, אַז זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט דעם כח הדיבור. זיי האָבן נאָר געקענט שרייען **'אוי ווייי'...** דער דאָזיגער קרעכץ גייט אַרויף אין הימל, און עס איז זייער טייער און חשוב ביי דעם אויבערשטען, און אויך נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויס פון מצרים און זענען שוין געשטאַנען ביים ים סוף, האָט דער אויבערשטער ווידער געוואָלט הערן פון זיי אַ 'פּשוט'ן קול'.

'אחרית כראשית' - דאָס זעלבע דאַרפן מיר וויסן אויך אין היינטיגן גלות, אַז מיר טאָרן נישט נתפעל ווערן פון דעם וואָס מיר האָבן ליידער נישט דעם דעת און דעם מח מתפלל צו זיין צום אויבערשטען ריכטיג, נאָר מ'דאַרף זיך שטאַרקן און שרייען צום באַשעפער מיט אַ פּשוט'ן קול: **'אוי טאַטע'**, און דער אויבערשטער וועט אונז שנעל אויסלייזן במהרה בימינו, אמן.

# "בליל זה יבכיון ויילילון בני"

## הננו להודיע על מספרי הטלפון אליהם יהיה ניתן לשמוע

## דרשת נהי קינה ומספד ממורנו

## הגה"צ רבי אברהם אלימלך בידרמן שליט"א

## מיוחד לליל תשעה באב תשפ"ה לפ"ק

### מספרי טלפון בארה"ק

**קו החבורות**
אידיש - 0-723-723-720
לשה"ק - 0-723-723-730
מספר ארה"ב: **605-313-6870**

**קול הלשון:**
אידיש - 03-617-1122
לשה"ק - 03-617-1123
מספר ארה"ב: **605-313-6676**

**קול הבאר:** 073-2-122-100

**קול הדף:** 02-64-000-22

**קוים מיוחדים לליל ת"ב:**
02-30-242-31/074-717-2000
0799-2000-40/08-313-6666

### מספרי טלפון בארה"ב

**קול הלשון:**
(718) 906-6444 / (605) 313-6870

Monsey: (845) 678-3337
Lakewood: (732) 806-8199
Los Angeles: (310) 659-8000
Montreal: (514) 667-3599
Toronto: (416) 800-2146
Eretz Yisroel: 03-929-0709

**קול מבשר:**
(212) 444-1100
Monsey: (845) 414-1100
Monroe &Upstate: (845) 351-1200
ארה"ק : 072-333-3111

**פרדס שלמה:** (718) 480-5222

**קו מיוחד לליל ת"ב:**
347-841-7294

| ענגלאנד: | צרפת: | אוסטרליה: | שווייץ: | South Africa: |
|---|---|---|---|---|
| 208-191-7000 | 980-091-256 | 390-216-884 | 445-087-456 | 115-680-938 |

**שיעורים ודרשות בענייני ת"ב משנים קודמות:**
**ארה"ק:** אידיש 0723-723-720 לשה"ק 0723-723-730
קול הלשון: 03-617-1111 | קול הדף: 02-640-00-20
קול הבאר: 073-2-122-100
**ארה"ב: 605-313-6870**
קול הלשון: (718-906-6444) להקיש 1 - 2 - 6 - 7

גבאים המעוניינים לשדר השיעור בליל ת"ב בבתי מדרש ניתן לפנות:

geula@kolhl.com

ולכתוב בנושא: שידור של הגה"צ ר"א בידרמן שליט"א - ולציין שם ביהמ"ד וטלפון אחראי

**ויה"ר שנזכה לראות בנין בית המקדש בתפארתו במהרה בימינו אמן**